STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 04774

SHURES ZEKHTSN

Israel Ch. Biletzky

Permanent preservation of this book was made possible
by Rhoda Falek
in memory of
her parents, Sam & Etta Isserles

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ח. בילעצקי

שורות זעכצן

י.ח. בילעצקי

שורות זעכצן

לידער פון צווייטן גלגול

פאַרלאַג „ניי־לעבן"
תל־אביב, 1980

י. ח. בילעצקי
שורות זעכצן

I. CH. BILETZKY
SHURES ZECHCN

נדפס בישראל 1980
Printed in Israel 1980

דפוס „אור" בע"מ, תל־אביב, שד' הר־ציון 104, טל. 822481

דאָס דריי־און־צוואַנציקסטע אות פון יידישן אלף־בית איז נתגלה געוואָרן דורך דער יידישער ליטעראַטור. אין דעם מיסטעריעזן קרייז פון טראַגישע און פריילעכע טעג פון ייד האָט זיך דער סדר פון אלף־בית געענדערט. דער תיו האָט דערלאַנגט אַ האַנט דעם אלף און מ׳איז אַוועק ווייטער. דער ייד פון אַ גאַנץ יאָר רופט עס: ה מ ש ך.

די יידישע ליטעראַטור אין ליד, אין פראָזע, אין עסיי און פאָרשונג, — אַ המשך פון יידישע דורות, פון תנ״ך און תלמוד, פון שולחן ערוך, צאינה וראינה און די תחינות פון שרה בת טובים.

מיין ליד איז אַ המשך פון מיין מאַמעס תחינה צוגעווירצט מיט אַ זשאַרקעלע פילאָזאָפיע, וואָס מאַכט קאַליע די ריינקייט און די שיינקייט פון דער תחינה.

דאָס דריי־און־צוואַנציקסטע אות פון יידישן אלף־בית איז די יידישע פּאָעזיע. אויב מיינע לידער און מיינע פּאָעמעס: „ביים קוואַל פון קאָצק" און „אחר", וועלן אָנקומען צו די ברעגן פון דער יידישער פּאָעזיע, וועל איך זיצן אין גן־עדן אין דער אלעע פון יידישע פּאָעטן און ברענגען אויך א ה י ן איציק מאַנגערס ווערטער:

„די יידישע פּאָעזיע איז דער שענסטער צווייג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. זי איז איר העכסטע און געלייטערטע דערגרייכונג. אַ שפע פון טענער, פון פאַרבן, פון אַלע לאַנדשאַפטן פון דער וועלט גיבן זיך אַ ראַנדעוו אין איר. די פּראַסטיקע שניילאַנדשאַפט פון סיביר און די זוניקע לאַנדשאַפט פון ארץ ישראל, די אורבאַניסטישע דיסאָנאַנסן פון ניו־יאָרק מיט די פּאַסטאָראַלע אַקאָרדן פון דער אוקראַינישער און רומענישער לאַנדשאַפט. די ליטווישע בעריאָזקע, די פּוילישע טאָפּאָליע, די אוקראַינישע ווערבע, דער רומענישער עפּלבוים און די ארץ־ישראלדיקע פּאַלמע".

אַלע לידער זענען געקומען צו מיר און געבעטן זיך, שרייב אונדז אָן. און נישט מער ווי אין זעכצן שורות. כ׳האָב זיי צוליב געטאָן. אָנגעקומען אַ מחשבה, — אַרויס אויפן פּאַפּיר.

אַלע לידער זענען צעקריגט מיט מיר. איך וויל מיט זיי לעבן בשלום און איך קען ניט. זאָל מיין ליד קומען און זיך קריגן מיטן לייענער. מיך לאַז צורו.

י. ח. ביִלעצקי

לייוויק און ברענער — מיט זיי צום פֿייערדיקן עיגול אַוועק.
געלעקט די וווּנדן, ווי דער מהר״ל דעם גולם די ווערטער געקנאָטן.
געקליבן געפֿאַלענע שטערן און צער פֿון גרעאַנגל און וויי.
אויף לײַמיקע וועגן פֿון מענטש, איך האָב זיי צעוואָרפֿן, צעשאָטן.

איך ווייס ניט פֿאַרוואָס, נאָר איך האָב זיי דערפֿילט אין מײַן יוגנט,
זיי זענען אַרײַן ווי אַ פֿלאַם אין אַ צעשניטענעם טרוקענעם וואַלד.
געהערט האָב איך קולות פֿון בערג און פֿון טאָל, ווי טײַפֿונען,
וואָס שרײַען איז חשכות פֿון נעכט אַ ווײַטיק געשריי: גוואַלד.

לייוויק און ברענער, — פֿון דאָס ניי לאָמיר יידישע אותיות צעזשאַרען
אין פֿייער,
אין יידישע הײַזער די קלאַנגען אָפּפֿרישן, באַנײַען.
איבערפֿולט כ׳בין מיט מורא און פֿיבער, ווייל שווער איז צו גלייבן,
צו קען מען די סנאָפּעס פֿאַרבינדן, צו וועלן די כּוחות אונדז סטאַיען.

עפֿן איך בלעטער און נישטער און זוך די פֿאַרשאָטענע אוצרות, —
כ׳וויל די אותיות באַנעמען, די ווונדער פֿון קולות כ׳וויל הערן.
די קליפּות אָפּשיילן און לערנען פֿונסניי אונטערשיידן,
ווו ליגט אין די ווערטער דאָס שאָלעכץ, ווו רייסט זיך פֿון ערדן
דער קערן.

אויב אויסגעמעקט האָט ווער פון דער מאַפּע די „אוטאָפּיע" פון טאָמאַס מאָר,
איז ער פאַרבליבן אין אַן אומעטיקער וועלט, מיט אַן אומעטיקן כאָר.
אַ וועלט האָט ניט קיין קיום, ווען דער קאַרליק קען ניט חלומען אַ חלום פון אַ ריז,
יעדע שעה איז אַ פאַרלווירענע, און די טעג פון לעבן — אַ קאַפּריז.

אַן אַ חלום איז דער קאָסמאָס נאָר אַ מידער פּראַגעצייכן,
אַ מילב קען אים אַראָפּשלעפּן פון די העכסטע הייכן
צו דעם טיפסטן נידער, ווו דער קוואַל קען קיינמאָל שטראָמען און ניט ריזלען,
ווו אַ נאַפּקע זינגט אויף טראָטואַרן אויס איר פּזמון.

אַן דעם דמיון איז די וועלט אַפילו ניט קיין קליינער רמז.
טרוקן איז דער ברונעם פון דעם דיכטער, ליידיק אַלע טעמעס.
ניט קיין סוד און ניט קיין גוזמא קען דער שרייבער עמעצן דערציילן
און אַלע ווערטער, ווי עקדישן, קריכן אין עיפּושדיקע איילן.

אוטאָפּיע איז די כוואַליע אין דעם ים, דאָס לעבעדיקע וואָרט וואָס האָווועט און וואָס שמאַיעט,
און ליגט אין טיפעניש פון אַלע וואָרצלען, סודותדיק פאַרטאַיעט,
און ווען אַלץ אַרום צעפאַלט און טורעמס טרייסלען זיך און קראַכן,
ביזטו די איינציקע וואָס צאַפּלט זיך און לעבט אין אַלע שפּראַכן.

ווּיפל דאַרף אַ מענטש באַצאָלן פאַר אַ שמייכל פון אַ קינד,
פאַר די שטערן אויף די ביימער, פאַר אַ שמייכל פון אַ פרוי.
ווּיפל דאַרף אַ מענטש באַצאָלן פאַר די כוואַליעס אין דעם ים,
פאַר דעם אויפקום פון פרימאָרגנס, פאַר די פערל־טראָפּנס־טוי.

ווּיפל דאַרף אַ מענטש באַצאָלן פאַר די בלומען אין זיין גאָרטן,
פאַר דעם לשון פון די גרינסן, וועלכע קומען מיט דיר ריידן.
פאַר דעם רעגן וועלכער שווענקט אַראָפּ די שטויבן פון די וועגן,
פאַר די זונען וועלכע בויען אויס דעם חלום פון גן־עדן.

ווּיפל דאַרף אַ מענטש באַצאָלן פאַר די ווערטער אויפן גומען,
פאַר די שטילע דממה־דקהס וועלכע האָבן ניט קיין גראַמען.
פאַר די קלאַנגען און די ריחות, פאַר די פאַרבן פון רעמבראַנדטן,
פאַר מחשבות און געפילן, פאַר דער ליבשאַפט פון דיין מאַמע.

ווּיפל דאַרף אַ מענטש באַצאָלן פאַר די נאָטן און די פידלען,
פאַר דעם היישניט אויף די פעלדער, פאַר געזאַנגען פון דעם פויער.
פאַר קאַנאַריקלעך אויף ביימער, פאַר דעם טירקל פון די טויבן,
פאַר דער שיינקייט פון דיין פרייד, און נאָך מער פאַר דעם טרויער.

אַ ליד איז ניט קיין טויב — ווייס און ריין,
אַ ליד איז אויך אַ בייזער וואָלף אין נאָרע.
אַ ליד איז ניט קיין בעז־צווייג אין אַ פרילינג.
אַ ליד איז וואָרצל, גוף און קאָרע.

אַ ליד איז ניט קיין ים — אַ שטורעמדיקער אומרו.
אַ ליד איז מילדע, ווייכע, אומעטיקע כוואַליעס.
אַ ליד איז ניט אַ היכל פון בריליאַנטענער עשירות.
אַ ליד איז חכמה, ווונדער פון אַצילותדיקן דלות.

אַ ליד איז ניט סתם אַ תמעוואַטער שמייכל,
אַ ליד איז ערנסט, שפּאַנונג פון חלומדיקע יאָרן.
אַ ליד איז ניט די שיכחה פון אומרויקע נעכטנס,
אַ ליד איז אָן אַ גרענעץ זכרון און זכרון.

אַ ליד איז ניט אַ געטלעכקייט, ניט זען און ניט דערגרייכן,
אַ ליד איז מענטש מיט חסד, רחמים, חן.
אַ ליד איז ניט דער טרויער פון בלעטער־פאַל אין האַרבסט,
אַ ליד איז העכער פון טרער, פון תפיסה און געוויין.

צו דעקן די הוצאות פון בענעדיקטוס דע ספינאָזאָס לוויה
האָט מען אויספּאַרקויפט מעטאַלענע שיסלען, לאָרנעטן,
פאַרשיידענע כלים צום שלייפן, גרויסע און קליינע,
נאָר קיינער האָט נישט געקויפט זיין אמת. זיין תפילה. זיינע געבעטן.

געקומען אַ בלעכער און דערלאַנגט אַ חשבון פאַר אַן אַרבעט,
אַ חשבון פשוט, ווי דאָס לעבן, פאַר בלעכענע רערן.
אַלץ האָט מען געקויפט: פאַרגרעסער גלעזער, געשליפענע גלעזער.
נאָר קיינער האָט ניט געקויפט דעם הימל זיינעם און די שטערן.

געקומען איז דער ראַזירער, דערלאַנגט אַ חשבון פאַר ראַזירן.
אַ פערטל יאָר האָט דער פאַרשטאָרבענער ספינאָזאַ ניט באַצאָלט.
אויף דער ליציטאַציע האָט מען אַלץ פאַרקויפט, מיט חשבון ליציטירט,
נאָר די מאַנוסקריפטן — קויפן האָט קיינער ניט געוואָלט.

דער אַפטייקער האָט אַרויפגעלייגט אַן אַרעסט אויף דער ירושה
פאַר די ניט־באַצאָלטע צענדליקער רפואות.
אויף דער ליציטאַציע האָט מען אַלץ פאַרקויפט, מיט חשבון ליציטירט,
נאָר דער היסטאָריקער האָט פאַרשריבן: אַן אַכזריותדיקער טעות.

מ׳האָט מיך אויסגעליידיקט פון בנימינקען און סענדערלען,
אַפילו זיינוועלע דעם פערד גנב האָט מען אויסגעמעקט פון פּנקס,
אויך מאָטקע גנב קען זיין היים דאָ ניט געפינען.
אומעטיק דער שמייכל פון קולבאַקס שיינע מויד־בּינקע.

מ׳האָט מיך אויסגעליידיקט פון לייוויקס מהר״ל און גולם,
דער עניין, גלויבט מיר, איז ניט פּשוט און ניט גלאַט,
ווי קען אַ יידיש קינד עטעמען און לעבן
אָן מאַני לייבס יינגל־צינגל כוואַט.

אין דער פרעמד בלאָנדזשעט אומעט באַריישאַס גייער
און שטיל צעוויינט זיך שיינדל קאַנאַריי.
וואָס קען איך, קאַדיע, טאָן, אַז ס׳גייען שיבעלער אַוועק
אויף פעלדער אָן געוויקס, און אָן פּאַרזיי.

נאָר שטענדיק, שטענדיק דוכט זיך מיר
איך האָב אַ קליינעם יינגעלע, אַ זונעלע גאָר פיין,
ווען איך דערזע אים דאַכט זיך מיר
די גאַנצע יידיש־וועלט איז מיין.

פון גנילאָפּיאַטעווקע אַוועק,
נאָר צו די קלאָרע טייכן קיינמאָל ניט דערגאַנגען.
דער זיידע האָט אין חלום מיך געפרעגט,
וואָס הערט זיך היינט מיט יידישע געזאַנגען?

מיין מאַמע־לשון איז געווען פאַרשטומט.
כ׳האָב דעם זיידן קיין ענטפער ניט געגעבן,
זינט איך בין פון גנילאָפּיאַטעווקע אַוועק
זוך איך אומעטום מיין יידיש לעבן.

שפת עבר האָט מיך אַוועקגעפירט אין מזרח,
און צעהאַקט אויף צווייען מענדעלעס סיסטעם.
בין איך שולדיק, זיידע, אַז מיין יידיש־וואָרט איז בלאַס,
און שפת עבר איז מיין וועלט־באַנעם.

כ׳בין ניט שולדיק, זיידע, כ׳וויל דו זאָלסט עס וויסן
מ׳טובלט מיך אין ליבשאַפט, מ׳פּענטעט מיך אין קלעם,
זינט איך בין פון גנילאָפּיאַטעווקע אַוועק
איז מיין י י ד י ש ־ לעבן אַלץ נאָך אַ פּראָבלעם.

די מעשיות פון הינטערן אויוון זענען די שענסטע מעשיות:
כ׳האָב זיי געהערט פון מיין טאַטן, אין נאָמען פון מיין זיידן.
זיי פאַרמאָגן חריפות, חכמה, און אויב דו ווילסט אַ מוסר השכל,
זיי שמעקן מיט גיהינום און גן עדן.

די מעשיות פון הינטערן אויוון באַגלייטן מיך אויף אַלע וועגן,
זיי ליגן צווישן שעקספּירן און מילטאָנען, — פון מיין ירושה
גוטע עדות.
זיי דערציילן אַז ס׳איז דאָ אַ ניגלה און אַ ניסתר, אַ וועלט מיט הימל
און אויך אויף ערד אוןביימער וואַקסן געהיימנישן און סודות.

די מעשיות פון הינטערן אויוון פון שמות הקדושה און שמות הטומאה,
פירן דיר אויף בערג און מיט זיי איז גוט שפּאַצירן אין די טאָלן.
זיי פאַרמאָגן אָטעם, הייבקייטן, זיי רייסן זיך פון אַלע דנאָען,
נאָר מיט גילדענע רענדלעך און מיט חלום קענסטו זייער ווערטיקייט
באַצאָלן.

די מעשיות פון הינטערן אויוון, — דו גלייבסט ניט די אייגענע אויגן:
זיי פאַרמאָגן וואונדער און נס, גלייב דעם דערציילער: אַזוי איז עס
געשען.
אין יעדן הויז, אין יעדן געסל, האָבן די שטערן געשפּילט זיך
מיטן הימל
און אין מיטן — גלייבט מיר אויף מיין וואָרט: איך בין דאָרט געווען.

הערַאקליט האָט פאַרשריבן אין זיין פילאָזאָפיע:
צוויי מאָל קען אַ מענטש צום זעלבן טייך ניט קומען.
שטעלסט אַריין דיין פוס, גלייך דער טייך אַן אַנדערער,
די ערשטע וואַסערן זענען ווייט פאַרשוווּמען.

נאָר איך קען אַ טייך, וואָס איז אַ מינוט געבליבן שטיין,
און זיינע וואַסערן האָבן די אייביקייט פאַרשלונגען.
אַ מינוט — אַ פאַרפרוירענער געשטאַנען איז דער שטראָם
און געהערט ווי בענקעניש און ליבע האָבן זיך צעזונגען.

געווען איז עס ווען לאָטע מיטן אַלטן געטע אין ווײַמאַר אויף אַ בריק
האָבן מיט פאַרטרערטע אויגן אַראָפּגעקוקט אין נידער.
דער טייך איז אַ מינוט געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער אין שטראָם
און צוגעהערט זיך צום יונגן ווערטערס אויסגעבענקטע לידער.

הערַאקליט אַ פאַרשטווינטער האָט שטיל אויסגעווישט די אויגן.
געהערט האָט ער ווי וואַלפגאַנג און זיין לאָטע שלוכצן אין געוויין.
הערַאקליט האָט פאַרשריבן אויף די טאָוול פון אַ ספר:
פאַראַן מינוטן ווען דער טייך פון צייט בלייבט שטיין.

אין אַ שיינעם זומער טאָג
כ'בין אַנטלאָפן צו מיין ערשטן רבי'ן,
וועלכער האָט געלערנט מיר דעם אלף־בית,
דעם אלף־בית פון לעבן.

כ'האָב דערזען אַ טאַבאַרעטקע
און אַן אַלטע שאַפע מיט אַ ש"ס.
פאות, ציצית, סיווע בערד
און אַ מזוזה אויף מיין גאַס.

אין אַ שיינעם זומער טאָג,
מיט מאָדערנעם לעבן זיך געזעגנט,
און אַוועק צום אַלטן רבי'ן,
צו מיין וויגל, צו מיין געגנט.

ס'איז חצות. ס'איז שוין שפעט.
ס'לויערן אויף וועגן וועלף.
מיין אַלטער רבי איז געשטאָרבן.
ס'איז שוין איין מינוט נאָך צוועלף.

אין פיין איז ניטאָ קיין גליק.
אַסקעטן און נזירים האָבן עס פאַרטראַכט.
פיין איז פיין.
נאַכט איז נאַכט.

אין איובס בראָך — ניטאָ קיין נחמה.
אַש אויפן קאָפּ און באָרוועסע פיס, —
איז אומגליק.
איז ריס.

פרעגט קאַפקאַן און ער וועט אייך זאָגן.
פרעגט ברענערן — ע ר ווייס דעם אמת.
נאַרישע דיכטער
שרייבן וועגן פיין פריידיקע פּאָעמעס.

אין פיין איז ניטאָ קיין גליק.
אַ בוים בליפעט ווען עס דאַרט.
אויך אַ מענטש.
אין פריידיקן פיין האָט מיך שירה פאַרנאַרט.

דאָס איז אַ ליד פון אַ שיינעם טאָג,
אַ טאָג אָן כמאַרעס, מיט קלאָרקייט אַנגעטרונקען.
דאָס איז אַ ליד פון אַ שיינעם טאָג
ווו עס ברענען אַלע פייערן און עס טליען אַלע פונקען.

דאָס איז אַ ליד פון אַ שיינעם טאָג
אַ טאָג מיט פייגל, מיט סודות און מיט שטערן.
דאָס איז אַ ליד פון אַ שיינעם טאָג
און קיינער וועט זיין וועלט ניט אומברענגען, צעשטערן.

דאָס איז אַ ליד פון אַ שיינעם טאָג
דיין האַרץ איז אָפן פאַרן ווינט.
דאָס איז אַ ליד פון אַ שיינעם טאָג,
אויף דער קאַנווע זיצט די שלווה און זי שפינט.

דאָס איז אַ ליד פון אַ שיינעם טאָג,
ווען אויך די דיכטער לויבן דיין געזאַנג.
דאָס איז אַ ליד פון אַ שיינעם טאָג,
ווען דער סערף האָט דרך ארץ פאַרן זאַנג.

מיט גענאַנג אויף ליפּן איז לייכט צו לעבן,
לייכט, ווייל ווערטער באַלויכטן דיר דיין וועג,
אַלע נעכט פאַרשווינדן אין די נאָרעס,
ס׳פאַרבלייבן נאָר די זונען און די טעג.

מיט געזאַנג אויף ליפּן ווערט יום־טובדיק דאָס לעבן,
פון אַלע אותיות שמידסטו אויס אַ רינג,
די פינגער אויף קלאַווישן שפּילן אויס מעלאָדיעס
און רוימען אײן אַ ניגון: פאַרבלייב, פאַרבלייב און זינג.

קיינער וועט ניט אָפּנאַרן דיין לעבן ווען דו זינגסט,
קיינער וועט דיין פּנים ניט צעקאַרבן,
אויף דיין פּנים ליגט אויסגעשפּרייט דער נצח ווי אַ פּרינץ,
און גיט דיר אייביק לעבן, ווייל ליד קען קיינמאָל שטאַרבן.

עס קאָן אַ מאָל דער ווייטיק אפשר צונעמען דיין לעבן,
נאָר אין ריטעם פון אַ ליד ווערן ווייטיקן פאַרלוירן,
כ׳האָב אַליין געזען, ווי ס׳האָבן מיינע טעג
אין געזאַנגען פון באַגין די אייביקייט געבוירן.

אָן רעש. אָן געפּילדער. אָן טומל, געשריי
אָן אות איז געקומען, געזאָגט מיר אַזוי:
ניט זוך אין די ווייטן, אַט דאָ ביי דיין טיר,
שטייען די ווערטער וואָס בויען דיין שיר.

אַ צווייט אות געקומען מיט פאַרב און מיט שפּיל
אָן רעש, אָן געפּילדער, רויק און שטיל,
אַ סוד איינגערוימט, אַזוי קלאָר, אַזוי אָפן:
דיין ליד ב׳האָב אין ווייטן, אין הייכן געטראָפן.

אַ דריט אות געקומען מיט זילבערנע חנען,
מיט פינגער געוואָרנט, זאָלסט קיינמאָל ניט מיינען,
אַ ליד ליגט ביי שוועלן אויף בערג און אויף שטערן,
דאָס ליד ליגט אין טיפקייט פון פרייד און פון טרערן.

ליד טראָגט זיך פון שטורעמס, פון שכורע ריחות,
פון קוואַלן, פון ברונעמס, פון אַלע מזבחות,
פון אַלץ וואָס אין צאַפּל, אין שמייכל, אין טרער,
פון קוואַל און פון שויב, פון אויג און געהער.

באַהאַלטן זיך אין אַ סטירדע היי
און גאָט האָט מיך געפֿונען.
באַהאַלטן זיך אין ווײַ־געשרײַ
און גאָט האָט מיך געפֿונען.

בין איך אַוועק צו פֿײַער, אַש
און גאָט האָט מיך געפֿונען.
באַהאַלטן זיך אין טומל, רעש
און גאָט האָט מיך געפֿונען.

בין איך אַוועק צו וואָרצלען, צווײַגן
און גאָט האָט מיך געפֿונען.
אַוועק צו דממה דקה, שווײַגן
און גאָט האָט מיך געפֿונען.

ווו איך זאָל זיך ניט באַוועגן
דײַן האַנט אויף מײַנע אַקסלען, גאָט.
דו ביסט מײַן איינציקער פֿאַרמעגן,
דאָס ווייס איך שוין פֿון לאַנג, מײַן גאָט.

גיב דעם טויט אַ שאַנס און גרייט אים צו די פּראַכטן פון דער וועלט,
דאָרט ווו כוואַליעס וויגן זיך בייטאָג, ביינאַכט.
ביים אָוונטיקן ווינטל גייט אַרויס דער מת צו ברעגן,
איינגעהילט אין אייביקייט, פאַרחלומט און פאַרטראַכט.

גיב דעם טויט אַ שאַנס און גרייט אים צו די פּראַכט פון דער וועלט,
ביי די בית עולמס בוי די שענסטע מאָנומענטן.
ביים לעבן — פאַרשווונדן זענען אַלע אוצרות פון זיין היים,
טאָג און נאַכט געלעגן איז דער לעבעדיקער חומר אין די פּענטן.

נייע פּאַרמען גיב דעם טויט, גרייט אים צו די שטערן און אַ נייעם הימל,
גרייט אים צו אַ קרוין, אַ מלכותדיקע גדולה.
ביינאַכט, ווען די מתים טרעפן זיך ביי די כוואַליעלער פון ים,
באַגלייטן זאָל דעם טראָט אַ לבנה, אַ שמייכלענדיקע און אַ פולע.

גיב דעם טויט אַ ביסל שמחה, גיב אים תענוג, גיב אים פּראַכט,
צינד אָן די סודותדיקע שעה'ן מיט אַ פלאַם.
נאָענט צו די קברים — האַק אין שטיין אויס מאָנומענטן,
בוי בית עולמס אויס ביי ברעגן פון דעם ים.

באַזונדער און צוזאַמען לאָמיר גיין אין טיפֿן וואַלד.
פֿון יאָדלעס, צו די סאָסנעס, פֿון פֿרילינגען צו שנייען.
האַנט ביי האַנט מיט וווּנדער און מיט נס אין טראַט.
אויף אַלע פֿעלדער לאָמיר סליאַדן פֿון דעם גאַנג פֿאַרזייען.

זאָלן מענטשן וויסן, אַז אין וואַלד פֿון לעבן און פֿון טויט,
זענען ביידע מיר געגאַנגען און די שטערן אונדז אַנטקעגן.
זאָלן וויסן די וואָס דאַרפֿן היינט צי מאָרגן וויסן,
אַז די זריעה האָבן מיר פֿאַרזייט אויף אַלע וועגן.

באַזונדער און צוזאַמען לאָמיר גיין אין טיפֿן וואַלד.
אויב באַזונדער, כ׳וועל דיך טרעפֿן וווּ עס צאַפּלט זיך דער טרוים,
אויב צוזאַמען לאָמיר זיין, ווי דער מייסטער מיט זיין פֿידל,
ווי אַ וואָלקן וועלכער זוכט דעם רעגנבויגן אין דעם רוים.

באַזונדער און צוזאַמען לאָמיר גיין אין טיפֿן וואַלד.
כ׳וועל דיך זוכן און געפֿינען מיין ניט פֿאַרלוירענע אבידה.
לאָמיר אויפֿהייבן דעם פֿאַרהאַנג צווישן יאָדלעס און די סאָסנעס
און צווישן טרוים און וואָר לאָמיר זיך געפֿינען ב י י ד ע.

אַלע לידער פון די מאָדערנע דיכטער פאַרבאַהאַלטן זיך אין די נאַרעס.
אַלע מאָדערנע ווערטער פאַרשווייגן. פאַרשטומען.
ווייל ער, דער בראַצלאַוועוער האָט שוין געזאָגט:
„מיין פייאריל וועט שוין טלואין ביז משיח וועט קומען".

לעם בית הקברות איז ער געשטאַנען אין מחשבות פאַרזונקען.
ער האָט געזען די מצבות, און אַלע דורות קומען און טענ'הן.
נאַכט אויפן בית הקברות. פון די הימלען קוקן אַלע וואָלקנס אַראָפּ
און די טויטן אין די הייכן, די ברעקלעך פון אונדזער לעבן באַשיינען.

און ראַפּטעם: אַ מעשה אויף די ליפּן. ער שטייט און ער דערציילט
אַ מעשה. עס צאַפּלען זיך און פיבערן די גלידער.
ווי קליין דו ביסט, מאָדערנער דיכטער מיט דיין וואָרט,
מיט דיינע נעפּלען און גאָרנישטיקע לידער.

„פּה נטמן". דער בית הקברות שווייגט מיט אַ שווייגן פון עולמות עליונים.
ר' נחמן רעדט, דער טויבער בעטלער הערט;
דער בלינדער זעט, און דער מיטן קרומען האַלדז, דער הויקער,
און דער אָן הענט
און דער אָן פיס שטייען שטום, נאָר דער זיבעטער וויינט: אים איז
ניט באַשערט.

אפשר דאַרף היינט אַ דיכטער עולה רגל זיין צום בראַצלאַווער,
באַשיצן אים פון שפּאַלער זיידן און פון די וואָס פאַרשטייען ניט
זיין שורש.
דער שורש פון אַ מעשה מיט ווערטער און סימבאָלן וואָס קרייזן
איבער וועלטן.
אפשר דאַרף אַ יידישער דיכטער זיין דעם בראַצלאַווערס אַ יורש.

נתן איז געשטאָרבן. און ווער וועט קענען מיט אותיות יידישע
פאַרשרייבן,
אַלע שמחות פון אַ ייד, אויף יענער חתונה פון צוויי יתומים.
ווער וועט קענען אויסזינגען: המצא מנוחה נכונה,
און זינגען הללויה צו אַ גאָט, דעם בעל הבית פון צמח און פון דומם.

נתן איז געשטאָרבן. מיט אים ביסלעכווייז שטאַרבט אַפּ מיין
יידיש־אות.
נתן, קום צוריק צו אונדזער דורכן ראַטעווען די יידישע פּינטעלעך
און קאָמעס.
אַ דור גייט אַוועק פון ר׳ נחמנען צו גוייִשע שיקסעס
און עס וויינען אין פאַרנאַכטן יידישע אותיות, ווי פאַרשניטענע
נשמות.

לאָמיר עולה רגל זיין צום בראַצלאַווער, און ברענגען דעם זיבעטן
בעטלער.
מיט זיינע יסורימדיקע ברידער, מיט זייער פרייד פון זעקס קבצנים,
וועט ר׳ נתן פאַרשרייבן פון דאָס נייַ, ווי זעט אויס אַ יידיש לעבן
מיט אַ פאַרברענט האַרץ אין קרעמאַטאָריעס, מיט אַ פאַרברענטן
פּנים.

דער בעקער ברענגט אַ לאַבן ברויט,
און זי — צוויי שוואַרצע לאָקן.
אין גאָרטן וואַקסן אַלע פּרוכטן
פּאַר אַ יונגן, פּאַר אַ זקן.

דער בעקער האָט צוויי גרויסע הענט,
און זי — אַ מעדאַליאָן,
וואָס באָמבלט זיך אויף אירע בריסט,
ווי אין ווינט אַ פאָן.

אויסגעקנאָטן האָט דער בעקער
אַ לאַבן ברויט פון פרישן טייג.
פּאַרקוק איך אויפן מעדאַליאָן
און ס'פּינטלט מיר אַן אויג.

אַ לאַבן ברויט און זי, מיין פריינט,
אַ מעדאַליאָן און שוואַרצע לאָקן.
דערצו אַ טראָפּן וויין אין כוס
און ס'לאַכט דער יונגער זקן.

ווִיפל וואָג איז דאָ אין זאָג: איך בענק
נאָכן סוד פון מהרל״ס צירופים אין געהיים.
ווִיפל וואָג איז דאָ אין זאָג: איך קנעט
אַ ליד פון אַ קופּע ליים.

ווִיפל וואָג איז דאָ אין זאָג: איך וואַרט
דער מאָרגן־שטערן אויפגיין זאָל אין בלאָ.
ווִיפל וואָג איז דאָ אין זאָג: ע ר קומט
פון ווייטן ד אָ ר ט ן צו מיין נאָענטן ד אָ.

ווִיפל וואָג איז דאָ אין זאָג: איך דאַוון
פון מיין טאַטנס סידור די אַלטע תפילה.
ווִיפל וואָג איז דאָ אין זאָג: מיט אימה
וואַרט אויף מיר די לעצטע שעה פון נעילה.

ווִיפל וואָג איז דאָ אין זאָג: ער גייט
נאָך מיינע טריט דער צאַפּלדיקער שאָטן.
ווִיפל וואָג איז דאָ אין זאָג: אפשר ה י י נ ט
דאָס ליד איז רייף, געראָטן.

די תאוות גייען אַוועק מיט די טעג און קומען ניט מער.
בלייבן בלייבט אַ קנייטש אין פּנים און אַ האַרץ — צעקאַרבט.
בלייבן, בלייבן אויגן אויסגעלאָשענע ווי האַלאָוועשקעס,
בלייבן בלייבט אַ האָפענונג וואָס גוססט שטיל און שטאַרבט.

ווער וועט טרייסטן דעם וואַנדערער מיט ווונדן,
ווען ער גייט איבער די הייזער אויסבעטלען נדבות.
ווער וועט טרייסטן די פאַרחלומטע, ווען דער יאוש
טרייבט מיט זיי ליצנות און קאַטאָוועס.

די תאוות גייען אַוועק בלייבן בלייבט אין זאַק אַביסל עצבות
און לייגט זיך אויס ווי שוים אויף כוואַליעלער אין ים.
אַ ביינערדיקע האַנט קריצט אויס אויף אַ מצבה:
אָט דאָס איז היינט פאַרבליבן פון ברענענדיקן פלאַם.

פאַרוואָס שרייב איך היינט דאָס ליד, ווען מונטער איז מיין האַרץ
און פריילעך מיינע אויגן און וואַסער אין מיין עמער.
גיי פרעג דעם שר־השירה, פאַרוואָס שרייבן דיכטער אומעטיקע לידער,
ווען דער קרוג איז פול נאָך מיט ניגון און מיט זמר.

שויבן פֿאַרריכטן. שויבן פֿאַרריכטן
שרייט אַזוי דער גלעזער איבער אַלע שוועלן.
קוקט אַרויס אַ לץ און זאָגט:
שוואַרצע שויבן דאַרף איך, כ'וויל די זון פֿאַרשטעלן.

שוואַרצע שויבן, לץ, גיי דאָרט צו די קבֿרים,
איך קען ברענגען ליכט נאָר, דורך דורכזיכטיקע שויבן.
גיי דאָרט צו מצבֿות, וווּ עס ליגט פֿאַרלאָרן
לעצטער שיין פֿון זונען, לעצטער פֿונק פֿון גלויבן.

דער גלעזער טראָגט אויף אַקסלען ערד־און־הימל־שויבן
מ'זעט דורך זיי אַ בלויען רעגנבויגן.
ער גייט דורך אַלע שוועלן, קלאַפּט אָן אין אַלע טירן:
שויבן פֿאַרריכטן. שויבן פֿאַרריכטן. ליכטיקייט פֿאַר אויגן.

נאָר ער דער לץ, ער דאַרף קיין ליכט, נאָר שאָטן,
שוואַרצע שויבן דאַרף ער, ווי וואָלקנס אין דער נאַכט.
אין דרויסן שטייט אַ וועלט און וואַרט דאָרט אויפֿן גלעזער,
און ער, דער לץ, שטייט אומעטיק, פֿאַרטראַכט.

אין דעם לייטער אַ צעבראָכענער שטאַפּל, נאָר כ׳האָב געקלעטערט.
געהאַלטן אין האַנט אַן אַלטן ספר און געבלעטערט,
געזוכט חכמה און פאַרשטאַנד: וויפל טעג, מעת לעתן, וויפל וואָכן
דאַרף אַ מענטש ווי איך צו הימלען גרייכן, ווען דער לייטער איז צעבראָכן.

דער אַלטער ספר האָט געשוויגן. אַלע סודות אין די בלעטער טיף פאַרשלאָסן.
גענומען כ׳האָב מיט זיך מיין ביסל חן, מיין ביסל חסד און אַלע ביטערע פאַרדראָסן,
גענומען אַלע כלים, אויך די שברי־כלים און אַ פולן זאַק מיט גלויבן,
אויף דעם לייטער צו די וואָלקנס פּרובירט מיין וואָרט דערהויבן.

נאָר וואָס טוט מען אַז ס׳פעלט אַ שטאַפּל אין דעם לייטער און דיין פלייצע איינגעבויגן
קען ניט אָנקומען צו שטערן, אויך ווען תפילה וואַרעמט זיך אין דיינע אויגן,
און דו מוזט אַראָפּ אין נידער, און דיין פוס אויף שטיין און דאָרן, —
פאַרשרייבט מיין ליד מיט קלוגע אותיות צו געדענקען, לזכרון:

פאַרריכט דעם שטאַפּל אין דיין לייטער — בייטאָג, ביינאַכט, באַגינען
דאַן וועט דיר דער קרומער לייטער גלייך דיין ציל געפינען,
יעדער שטאַפּל צו די הימלען וועט פירן דיך באַזונדער,
אין דעם אַלטן ספר וועסט פאַרשרייבן נאָך אַ בלעטל פון נסים און פון וווּנדער.

— און אַז איך טראַכט,
איז וואָס, דעקאַרט,
איז די נשמה ניט
צווישן טורמע־ווענט פאַרשפאַרט?

און זאָל זיין אַז גאָט
איז דאָ, און דאָרט, און אומעטום,
איז דען ניט, שפּינאָזע,
די נשמה ווייאיק, שטום?

און זאָל זיין, אַז לייבניץ
זינגט נאָך אַלץ אַ לויב־געזאַנג צו דער מאָנאַדע,
ווערט אַ מענטש דען ווערטיקער,
ווי אַ שעפּעלע אין פּאַסטעכס סטאַדע?

איין גרויסן פילאָזאָף האָב איך געקענט:
פון מיין בית מדרש — דער אַלטער שמש.
האָט ער איינמאָל צו מיר אַזוי געזאָגט:
די נשמה ליגט אין דיינע ד׳ אמות.

אַ לעבן לעם דער פידל,
אַ לעבן לעם קלאַוויר.
וואָרט, טאַקט און גראַם
עפענען מיין טיר.

קומט אַריין די פויק,
זי פויקט אין ווערטערקריג.
די פידל לויפט פאַראויס,
דער קלאַוויר — קריק.

אַלץ זוכט וואָרט און טאַקט,
אַפילו איכה־קינה.
אויך שרה בת טובים
פאַרלאַנגט אַ גראַם אין תחינה.

אימאַזשן אין דעם וואָרט,
אין אַלץ די מעטאַפאָרן,
אַלע כלי־נגינה
באַגלייטן מיינע יאָרן.

די אותיות בעטן ביי דעם שרייבער — כבוד.
לויף ניט ווי אַ ווילדער פערד.
זע, די זריעה וואַקסט פּאַמעלעך,
ווײנט אַרויס פון ערד.

די אותיות בעטן ביי דעם שרייבער — כבוד,
ווי אין הימלען אַלע שטערן.
יעדעס אות איז מלך, קעניג,
אַלע וועלטן אים געהערן.

די אותיות בעטן ביי דעם שרייבער — כבוד,
אַלע דאַרשטן אין די טיפן,
וועסט דיין דאַרשט ניט שטילן, דיכטער,
אויב דאָס אות איז ניט געשליפן.

די אותיות בעטן ביי דעם שרייבער — כבוד,
גראָב טיפער מיט דיין רידל,
זאַמל אויף פון אַלע וועלטן
ניגונים פאַר דיין פידל.

דער צימער בלוי — ווי מאַנגערס אַ בלויע באַלאַדע,
די פענצטער באַהאָנגען מיט גרינע גאַרדינען.
אַ פרייד טאַנצט אויף די שוועלן
ווען עס קלאַפּט אָן אין טיר דער באַגינען.

דאָ לעב איך. דאָ זינגען מיינע ווערטער אַ פריילעכן געזאַנג.
אַ קאַנאַריקל פון שיר השירים זינגט אַרויף כסדר.
אַ גאַסט ברענגט אַהער אַ גרינעם צווייג
אַ וואָלקן שוועבט אַדורך, אויפן דאַך בייט ער איבער זיינע קליידער.

נאָר אַ מאָל, ווי געוויינלעך טרעפט זיך עס אין לעבן,
אין אַ יום טובדיקן טאָג צי אין דער וואָכן,
שטעלט זיך אָפּ אַ קראַ אויף די בלויע צווייגן
און קומט אַריין אין צימער ווי אַ ברוגזדיקער שכן.

קרא. קרא. קראַקעט אויס די קראָ אַ שוואַרצן חלום.
דאָס קאַנאַריקל בלייבט פאַרשטומט, צעשראָקן.
פון פענצטער פאַרשווינדן די גרינע גאַרדינען.
אין בלויען צימער גייט אַרום אַ זקן.

גייען דען צוויי צוזאַמען, סיידן זיי האָבן זיך צוזאַמענגערעדט?
איך בין געגאַנגען מיט מיין לעבן צוזאַמען און זיך ניט צונויפגערעדט.
ביידע אין פאַרקערטע ריכטונגען. זיך קיינמאָל ניט געטראָפן,
ביז די וויזוערס אין זייגער האָבן געוויזן: ס'ווערט שפּעט.

ס'ווערט שפּעט. מ'דאַרף זיך טרעפן מיטן לעבן אויב אַפילו ניט צונויפגערעדט.
כ'האָב אים וואָס צו זאָגן. אַ מעשה'לע וויל איך מיין לעבן דערציילן.
כ'וויל ער זאָל וויסן, אַז מיין ביסל פאַרמעג פון מיין טאָג און מיין זריעה,
וויל איך ווי שיינע חלומות, מיינע פריינט היינט צעטיילן.

כ'פאַרמאָג ניט קיין אַנדער פאַרמעג, נאָר מעשה'לער, לעגענדעס, חלומות,
און נאָטן פאַר קוואַל און פאַר ברונעם, פאַר ליד און געזאַנג,
צעטיילן כ'וועל ווי אַ שיכור די פלעשלער פון ספּירט און פון בראָנפן
און אָנפילן זייערע הערצער מיט דורשט נאָך אַ חלום־געטראַנק.

ברומט דען אַ לייב אין וואַלד ווען ער האָט ניט קיין פאַרצוקונג,
איך האָב אין וואַלד פון לעבן געברומט מיט ציטער און צאַפּל און פיבער.
ס'ווערט שפּעט, לאָמיר איינמאָל, מיין לעבן, גיין צוזאַמען אין נאַכטיקע געסלער,
מיט אָפענע אויגן די אותיות און מופתים פון צייטן אַריבער.

דעם אָטעם פון די סטרונעס האָט דער פידלער אויפגעזאַמלט
און געזען ווי דער בויגן טאַנצט באַגייסטערט,
אין עקסטאַז האָבן בעטהאָווענס סימפאָניעס אויסגעשטאַמלט:
כבוד, אַכטונג פאַר דעם מייסטער.

אויף די ווענט פון זאַל דעם מייסטערס פינגער האָבן נאָך געשפּילט,
אויף די שטולן האָבן די סימפאָניעס נאָך געשוועבט,
דער פידלער איז אין שווייגעניש געשטאַנען איינגעהילט
און געהערט ווי דער צי פון בויגן לעבט.

קיינער איז אין זאַל ניטאָ, דער מייסטער שטייט און הערט
ווי אַלע קלאַנגען האָבן זיך צונויפגעזאַמלט ווי אַ שטראָם,
און קושן אויס דעם בויגן, ווי אַ וואָלקן קושט די ערד,
ווען ער אַנטפּלעקט אין מדבר אַ טרוקענעם תהום.

דער מייסטער האַלט זיין פידל, ווי אַ מאַמע האַלט איר קינד,
קוקט אויף זיינע פינגער, אויף די סטרונעס, אויפן בויגן.
ריין זיין האַרץ. די קלאַנגען האָבן אָפּגעמעקט די זינד
און אָפּגעווישט דעם צער פון זיינע אויגן.

אַ לעבן — צווישן סקילע און כאַריבדיס, —
די געשפּענסטער שטייען מיט מיילער אָפענע און דראָען:
אָ, אָדיסיאוס, צי ווען די געשפּענסטן
שענקען אַ פּאָר איבעריקע שעהן?

די וועלט באַגלייטן גורל און סכנה.
אויף מיין לעבן שטייט צווישן פּאַלנדיקע בריקן,
די ווייזערס פון דעם זייגער רוקן זיך צו סופן,
דער טיק־טאַק קען אַלע האָפענונגען דערשטיקן.

אויף די גאַסן לויפט מיין לעבן, ווי אַ צוג.
וווהין? צו אַ מצבה רייסט ער זיך מיט אימפּעט און געדולד.
נו, זאָג מיר, אין פרימאָרגן, טייער לעבן, זאָג:
פאַרוואָס אַנטלויפסטו פון חטאים און פון שולד?

אַ לעבן — צווישן סקילע און כאַריבדיס,
דער פרימאָרגן וואַרגט זיך מיטן טאָג און מיט דער נאַכט.
אין אַ ווינקל שטייט אַ לץ באַפּודערט און באַפּאַרבט
און לאַכט —

די גלאָקן אין נאָטערדאַמער קירכע קלינגען.
אויף אַ שמאָלער סטעזשקע: העלואיז און אבעלאַר.
אַ געצוויטשער פון די שוואַלבן און די פייגל,
ווי אַ טרער אין אויג, צאַפּלט זיך אין צער.

דער סוד אָרום מיט ליבטיקייט געצונדן.
העלואיז און אַבעלאַר מיט ליכט־שטראַלן באַהאַנגען.
קיינער הערט און קיינער זעט, נאָר דער שיר־השירים
פון צוויי הערצער, צאַפּלט זיך ווי אין ווינט די זאַנגען.

זיילן ליכט. נאָר די אימה פון די גלאָקן לאָזט ניט אָפּ.
איין גלאָק קלינגט מיט הונגעריקע קולות, ווערט ניט זאַט.
דער צווייטער גלאָק רייסט זיך מיט פייער און פאַרפלייצונג,
מיט סקילה, שריפה, חנק און פאַרראַט.

העלואיז און אבעלאר, ווי דער „יהי אור״ פון דעם באַשאַף
אויף די ליבע־פעלדער צוויי וואונדערבאַרע שניטער.
צוויי — אויף וועגן־שטעגן קעגן זונפאַרגאַנג פון קירכע גלאָקן,
בלויער אָפּשיין פון געטרייע היטער.

דער ייד פאַרקויפט נאָך אַלץ אויף וועלט ירידן
די קאַבצאַנסקער קופּערפאַנען.
מנחם מענדל אויף די בערזעס
הערט ניט אויף צו שפּאַנען.

דער גלות שטעקט אין אים, ווי אַ פייל אין אַ נבלה
אַפילו מיט זיין גאווה'דיקן שפת־עבר.
האָט דער גורל אויף די הימלען שוין פאַרחתמעט:
גלות פון געבורט ביז די לעצטע גרודעס אויפן קבר?

די קליאַטשע האָט פאַרלאָרן אַ פּאַטקעווע אויף וועגן,
אַ ראָד האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון דעם וואָגן.
ווייל אַלטער יקנהז די קלאַטשע ניט פאַרקויפן,
צו נייע פאַרטן זיך דערשלאָגן.

אויך אויף אייגענע ד' אמות קענסטו גלות'ן דיין לעבן
מיט צעפליקטע קליידער פון מענדעלעס קבצנים.
אויך אונטער בלויע הימלען און כנרת־בלויע־כוואַליעס
קען שפּרייזן מנחם־מענדל מיט אַ בערזע־פּנים.

אַ ליד זוכט אַ נאָמען אַ ליד דאַרף אַ נאָמען.
אַזוי ווי אַ מענטש, און אַזוי ווי אַ הונט.
אַ ליד זוכט אַ קול. אַ ליד דאַרף אַ קול,
צו עס רייסט זיך פון ליכט. צו עס רייסט זיך פון אָפּגרונט.

אַ ליד זוכט אַ ציגל, אַ ליד דאַרף אַ ציגל,
די ליים און דעם קנעטער, דעם פּעיקן בויער.
דעם עמער אויף דנאָען, די ביימער אין וואַלד,
דעם שמייכל, געלעבטער און האַרציקן טרויער.

אַ ליד זוכט רושטאָוואַניעס, און אויך פונדאַמענטן
פאַרן היינט, פאַרן מאָרגן, פאַר מיר, פאַרן דור.
אויגן פאַרמאַכטע און אָפענע הערצער
פאַר אַלץ וואָס איז חלום, פאַר אַלץ וואָס איז וואָר.

אַ ליד זוכט אַ נאָמען אַ ליד דאַרף אַ נאָמען.
אַ ליד זוכט אַ צייכן. אַן אות און אַ סימן.
אַ ליד זוכט די ווערטער ביי בלומען, ביי דערנער,
צי דאָס איז אַ וויגליד, צי גלאָריע פון הימען.

אַריאַדנאַ טרייסט דיאָניסוסן דעם שיכור
און ציט נאָך ווייטער דעם אויסגעשפּינטן פּאָדעם.
דיאָניסוס האַלט אַ פלעשל ווײַן אין האַנט,
נאַקעט שטייט ער פאַר אַריאַדנאַ אָן די בגדים.

מיר זוכן אַלע אויף די בלויע וועגן
אַריאַדנאַס פּאָדעם אין דעם לאַבירינט.
אין הפקרדיקן וואַלד צעשניטן פון די בליצן,
הודזשעט אַלץ נאָך ווי אַ שיכור אַ שטורעמדיקער ווינט.

וווּ ביזטו אַריאַדנאַ, איך שרײַב דיר הײַנט אַ סטראָפע,
איך שטיי אַליין און וואַרט אויף דיר באַזונדער.
אויב דו האָסט טעזעאוסן געראַטעוועט פון אימה־לאַבירינט,
ווײַז מיר אויך אויף וועגן דײַן פּאָדעמדיקן וווּנדער.

אַ בלינדער גיי איך דאָ אַרום ווי דער בלינדער מילטאָן,
און זוך דײַן פּאָדעם און דײַנע אומרויקע בליקן.
קיינער ווײַזט מיר ניט אַ סימן אויף די וועגן,
די חיה אין דעם לאַבירינט וויל מײַן לעבן הײַנט צעפּליקן.

אַ מאָל הער איך גלאָקן קלינגען און ווילן וויל איך וויסן,
ווער איז דער צעקלינגער פון די גלאָקן,
אין פאַרנאַכטן האָט זיך אימה איינגעביסן.
קינד און קייט און שאָף — דערשראָקן.

אַ מאָל הער איך קלינגען גלאָקן, אָנגעשפּיצט מיין האַרץ און אויער.
ווער ציט דעם צימבל, ווי אַ פייער זאָל ער צינדן.
אויפגעעפנט שטייט דער טויער,
פאַר די הימלען, פאַר די ווינטן.

אַ טאָג וואַרט אויף בלויע גלאָקן, וואַרט אַ דאָן קיכאָט,
ניט אַ לץ וועט דעם צימבל ציען.
נאָר שותּפותדיקע שירה פון מענטש און גאָט,
ווען שטערן וועלן פאַר דיר קניען.

אַ מאָל הער איך גלאָקן קלינגען און ווילן וויל איך וויסן:
ווער ציט עס דאָרט די שטריק:
דער לץ וואָס חוזקט פון געוויסן
אָדער צאָרטער פלאָטער פון מוזיק?

וויפל קערנער זענען נאָך פאַרבליבן אין דיין האַנט,
וויפל פעלדער וואַרטן אויף פאַרזייי,
און פרימאָרגנס — וויפל וואַרטן אויף דיין טראָט,
וויפל ווינטערס וועלן אויסשיטן דעם שניי.

וויפל זומערס וועלן אויפקלייבן דאָס ליכט,
וויפל פרילינגען קומען צו דיין שוועל,
וויפל זאַנגען וועסטו ברענגען צו דיין מיל,
זי זאָל דיר אויסמעלן פאַר ברויט דיין מעל.

וויפל קוואַלן קוקן אויס דיין גאַנג
אין פעלד, אין גאָרטן און אין סאָד,
וויפל פרויען וועלן אָנקלאַפּן אין טיר,
ברענגען דיר אַ שמייכל מיט גנאָד.

אָ, וויפל קערנער זענען נאָך פאַרבליבן אין דיין האַנט,
דער דמיון איז אַ ליגנער און אַן אָפּנאַרער פון שטענדיק.
אויך ביי סאָפאָקלעסן, ביי בייראָנען, מיצקעוויטשן
האָט דער טאָג זיך אויסגעלאָשן און געענדיקט.

אין מיין אַלמער שטעקט אַ שליסל און כ'האָב מורא
עפענען אַ טירל און זען וואָס דאָרטן ליגט,
איך געדענק מיין אַלמער יאָרן־לאַנג,
איך בין מיט אים צעקריגט.

אין אַ שוואַכער שעה האָב איך אַ מאָל פאַרשריבן
אַ צוואה פאַר אַלע מיינע פריינד.
פון דאַן, שטייט דער אַלמער מיינער אַ פאַרשלאָסענער.
איך האָב אים פיינט.

דער שליסל בעט זיך, עפן מיינע טירלער,
דיין צוואה בעט זיך נאָכאַמאָל צו לייענען.
האָב איך מורא עפענען די ווונדן,
און פון דאָס ניי דערהערן די געוויינען.

דאָך איינמאָל אין אַ נאַכט האָב איך דערזען:
די צוואה האָט אַליין אַ נייעם טעקסט פאַרפאַסט.
פון דאַן בייטן זיך די טעקסטן יעדע נאַכט
איך האָב זיי אין אַ רעמל איינגעפאַסט.

מיר איז ענג פון איבערפלוס אין מיר.
אַ, א. לוצקי טייערער, דו ביסט געריבעבט.
דאָס וואָרט איז ווי אַ שטורעם אין די אָקעאַנען,
ווי צו פרייהייט רייסט זיך אַ געשמידטער קנעכט.

איך וועל אויפבליען, איך וועל אויפבליען, —
דו ביסט געריבעבט, אַ. א. לוצקי טייערער קאָלעגע,
דאָס וואָרט ווייַנט אַרויס פון אַלע גלידער,
דאָס וואָרט איז נצחדיקער צאַפּל אין שעה, אין רגע.

וואַסערן לויפן איבער דער וועלט און זוכן,
מיט זייַ פּאַרזייטע פעלדער, מיט זייַ געוויקסן צמחים.
וואַסערן לויפן אַרום און רונד אַריין,
מיט זייַ די ווערטער און אַ קאַפּעליע פריילעכע מלאכים.

אַ שפּריץ אויף אַ שפּריץ און אַ כאַפּ,
אַ כאַפּ און אַ טאַנץ און אַ זיד.
מיר איז ענג פון איבערפלוס אין מיר,
ווען עס שפּאַרט אַרויס פון טיפן: וואָרט און ליד.

אין גערדיכטעניש פון ביימער, קוסטעס, וואַרצלען כ׳בין אריין,
האַרבסט. געלע בלעטער האָב איך אָנגעהויבן זאַמלען.
אַ סטויג מיט געלע בלעטער. אין האַנט אַ בעכער ווייַן,
מיין לשון זיך צעטומלט און גענומען שטאַמלען:

ווי מאַכט מען פון דעם האַרבסט אַ זומער ווידער,
ווי פאַרבט מען אָפּ אויף גרין די געלע בלעטער.
ווערטער פאַרן זיך אין גראַמען, געבוירן ווערן לידער,
אין דייזשע פון די ווערטער בלייבן בלייבט דער קנעטער.

מיין ביסל לשון שטאַמלט און שמייכלט תמעוואַטע:
דער האַרבסט האָט מיר זיין ביסל אומעט צוגעטיילט.
אויף מיין פרייד געלייגט האָט ער אַ לאַטע,
און דעם וואַרצל פון דער קאַרע אָפּגעטיילט.

אין געדיכטעניש פון ביימער, קוסטעס, וואַרצלען כ׳בין אריין,
שטיל האָב איך געחשבונט די שעהן פון מיין לעבן
און דערזען אין צער אַ הויפן שיין,
דער האַרבסט האָט מיר אַ גוטן סימן היינט געגעבן.

אַ פויגל איז אַרויסגעפלויגן אין ווייטע לענדער
האָט זי אויף הימלען אַ ליד פאַרשריבן:
אין נעסט דיין היים, קום צוריק צו דיינע קינדער,
אַנדערש ביסטו מיטן צער פאַרבליבן.

אַ מענטש איז אַוועק פון היים אין וואַנדער,
זיין נאַכט אויף דערנערדיקע וועגן דורכגעשלאָפן.
דערזען האָט ער דעם עלנט אין די שקיעות,
מיט אַ טרער האָט ער זיך מיט זיין טאָג געטראָפן.

אַ קעמל איז אַ מאָל אַרויס פון מדבר,
האָט דער האָרב געבעטן זיך: פאַרשרייב.
אַ קעמל טאָר דעם מדבר ניט פאַרלאָזן,
דער זאַמד — דער אָטעם און נשמה פון דיין לייב.

ווּהין פליסטו פויגל, מענטש און קעמל,
ליג און וואַרעם זיך אויף דיינע טאַרבעס.
אין אַלע ווינקלען פון דיין היים ליגט ליכט
וואָס קריכט אַריין אַפילו אין די האָרבעס.

אויב איך הייב די הענט מיינע צו הימלען
אין שווערע שעהן פון מיין נאַכט,
איז נישט דערפאַר ווייל כ׳גיב זיך אונטער,
נאָר אויס מורא, ווייל דער שטן לאַכט.

אויב איך צעקלינג די גלאָקן פון אמונה,
צו הימלען, כ׳שטעל אַ טראָט פאָראויס,
ניט הכנעה איז די סיבה פון צעקלינג,
נאָר די מורא צו פאַרבלייבן איינזאַם אין מיין הויז.

אויב אַ תפילה לייגט זיך אויס אויף מיינע ליפּן
און שדי קומט אַריין אין לעבעדיקן סידור,
איז נישט אויס מורא פאַר דעם נעפּלדיקן חלל,
נאָר דערפאַר ווייל ס׳פעלט מיר אָטעם צו די לידער.

אויב איך הייב די הענט צו הימלען
און קוק אַרויף מיט דורשט אמונהדיק און גלייביק,
איז עס דערפאַר — ווייל גבורה אין מיין שוואַכקייט,
און בענקען בענקט זיך נאָר אַ גאָט, וואָס איז אייביק, אייביק.

ווען איך וואָלט וויסן, אַז שטערן, וואָלקנס, דונערן,
לייענען אַלץ וואָס כ׳האָב געשריבן,
וואָלט איך אויף די וועגן פון מיין דיכטן
אַנדערע ווערטער אויפגעקליבן.

לייענען לייענט אַ מענטש, ווען שקיעה רוקט זיך אַן,
און דאָס לעבן פינטלט מיט אומרויקע אויגן.
לייענען לייענט אַ מענטש, ווען ער דערזעט
אַז אויפן הימל האָט זיך אויסגעלאָשן דער בלויער רעגנבויגן.

שטערן, וואָלקנס, דונערן לייענען נישט קיין שירה.
זיי הערשן אויף דער וועלט מיט כח און מיט חן.
לייענען לייענט אַ מענטש, וואָס שטייט ביים ראַנד פון לעבן,
און קלייבט די טרערן פון זיין נאַכטיקן געוויין.

פון וואַנעט ווייס איך דאָס? גלויבט דעם דיכטער אויף זיין וואָרט;
ער האָט אַמאָל געפרעגט ביי שטערן, וואָלקנס און די דונערן.
האָבן זיי געזאָגט צו אים אַזוי: הער זיך איין, פאַרשטיי,
לייענען לייענט אַ מענטש וואָס ציילט די לעצטע זומערן.

קאַסאַנדרע. דיינע שווערע ווערטער פאַלן אין דער נאַכט
ווי אַ לייב־געברום וואָס רייסט זיך פון דער נאָרע.
אין חשכות פון דער וועלט גייט אַרום דיין קול
און פאַרוווּנדעט צווייג און וואָרצל און די קאָרע.

טראָגסט אימה אויף די פעלדער און די וועלדער,
פאַרבסט הימלען מיט גראָע־שוואַרצע פאַרבן.
אויך אין פרילינגען הערן מיר די דראָענדיקע ווערטער:
מאָרגן, מאָרגן וועסטו פאַלן, מאָרגן וועסטו שטאַרבן.

קאַסאַנדרע. קיינער וויל ניט הערן דיינע אותיות, דיינע צייכנס,
אַ וועלט מיט זומערן און פרילינגען איז אונדז היינט פאַרבליבן.
איך אַליין, בין אַריין אין בלומענדיקן גאָרטן,
אַלע פרוכטן פאַר מיין היים האָב איך אָנגעקליבן.

די ערד באַוועגט זיך אין איר נצחדיקן עיגול,
דער מענטש פאַרמאַכט די אויגן און גייט אַרום אַ בלינדער.
קאַסאַנדרע, לאָז אונדז איבער מיט שטערן און פרימאָרגנס,
מיט די שמייכלען פון די פרויען און די קינדער.

ווען איך וואָלט וויסן, אַז שטערן, וואָלקנס, דונערן,
לייענען אַלץ וואָס כ'האָב געשריבן,
וואָלט איך אויף די וועגן פון מיין דיכטן
אַנדערע ווערטער אויפגעקליבן.

לייענען לייענט אַ מענטש, ווען שקיעה רוקט זיך אָן,
און דאָס לעבן פינטלט מיט אומרויקע אויגן.
לייענען לייענט אַ מענטש, ווען ער דערזעט
אַז אויפן הימל האָט זיך אויסגעלאָשן דער בלויער רעגנבויגן.

שטערן, וואָלקנס, דונערן לייענען נישט קיין שירה,
זיי הערשן אויף דער וועלט מיט כח און מיט חן.
לייענען לייענט אַ מענטש, וואָס שטייט ביים ראַנד פון לעבן,
און קלייבט די טרערן פון זיין נאַכטיקן געוויין,

פון וואַנעט ווייס איך דאָס ? גלויבט דעם דיכטער אויף זיין וואָרט,
ער האָט אַמאָל געפרעגט ביי שטערן, וואָלקנס און די דונערן.
האָבן זיי געזאָגט צו אים אַזוי : הער זיך איין, פאַרשטיי,
לייענען לייענט אַ מענטש וואָס ציילט די לעצטע זומערן.

קאַסאַנדרע. דיינע שווערע ווערטער פאַלן אין דער נאַכט
ווי אַ לייב־געברום וואָס רייסט זיך פון דער נאָרע.
אין חשכות פון דער וועלט גייט אַרום דיין קול
און פאַרוווּנדעט צווייג און וואָרצל און די קאָרע.

טראָגסט אימה אויף די פעלדער און די וועלדער,
פאַרבסט הימלען מיט גראָע־שוואַרצע פאַרבן.
אויך אין פרילינגען הערן מיר די דראָענדיקע ווערטער:
מאָרגן, מאָרגן וועסטו פאַלן, מאָרגן וועסטו שטאַרבן.

קאַסאַנדרע. קיינער וויל ניט הערן דיינע אותיות, דיינע צייכנס,
אַ וועלט מיט זומערן און פרילינגען איז אונדז היינט פאַרבליבן.
איך אַליין, בין אַריין אין בלומענדיקן גאָרטן,
אַלע פרוכטן פאַר מיין היים האָב איך אָנגעקליבן.

די ערד באַוועגט זיך אין איר נצחדיקן עיגול,
דער מענטש פאַרמאַכט די אויגן און גייט אַרום אַ בלינדער.
קאַסאַנדרע, לאָז אונדז איבער מיט שטערן און פרימאָרגנס,
מיט די שמייכלען פון די פרויען און די קינדער.

אין קרובה׳שאַפט מיט מ ע נ ט ש איך לעב אַזוי מיין לעבן
מיט ערדישע און הימלישע השגות.
אַ מאָל קומט אַריין דער קרוב מיינער מ ע נ ט ש
און בעט ביי מיר די תשובות, אַ מאָל האַרציק, אַ מאָל לאַגיש.

פאַרשטיי איך ניט זיין לשון, ווערט ער ברוגז מיט מיין מימיק
און גייט אַוועק אַן אָפּגעבריטער.
איך נעם צונויף די אותיות, איך נעם צונויף די ווערטער
און בעט זיי רחמים: זייט איר מיין שומר, היטער.

היט מיך אויס פון מ ע נ ט ש וואָס זיין ל ש ו ן איז מיר פרעמד,
מיט מיין שטאַמלען — קיינמאָל ניט פאַרקנסט.
היט מיך אויס פון קרובים, פון נאָענטער־ווייטער פריינדשאַפט
היט מיך אויס פון אַ ברוגזדיקן גאַסט.

אין קרובה׳שאַפט מיט מענטש איך לעב אַזוי מיין לעבן
און זוך אַ שותפותדיקן זין.
ס׳איז חצות, מיין פריינד, און שפעט איז שוין די שעה,
די נאַכט דעקט צו מיט אומעט מיין פריילעכן באַגין.

פון שמאָלן עיגול צו דעםברייטן
ווי צינדט מען אָן די העלע ליכטער.
ווי דערטאַפּט מען אַלע קנייטשן
אין אַ נשמה פון אַ דיכטער.

פון שמאָלן עיגול צו דעם ברייטן,
ווער דעם שחר האָט געצונדן ?
אַלע סודות פון דער וועלט
איןביידע ליגן זיי געבונדן.

קנייטשן. ווונדן: און וואָס נאָך
פאַרבינדט דעם דיכטער מיט זיין צער ?
דער שמאָלער עיגול מיטן ברייטן
ביידע ווילן שכר דערפאַר.

בענקט דאָס האַרץ צום ברייטן עיגול,
האַלט דער שמאָלער דיך אין פענט.
אין גאַנג פון אַלקער צום באַשאַף,
צום הימל כ׳שטרעק צוויי מידע הענט.

אַ קישן. אַ גלאָז וואַסער און זי.
נישט אַ חוזר בתשובה שפרייט אויס זיינע הענט.
אין אַ ווייסן צימער ליגט היינע דער פּאַעט
דער טויט האָט זיין קרבן דערקענט.

אַ קישן. אַ גלאָז וואַסער און זי.
אַ לעצטער אָטעם פון אַ גאון.
דער טויט גייט צו מיט דרך ארץ.
אויך אים איז שווער אַזאַ נסיון.

אַ קישן. אַ גלאָז וואַסער און זי.
ס'פאַלט צו די לעצטע נאַכט.
אַ וואָלקן לויפט דורך אויפן הימל
און זאָגט אָן אַ לעצטע שלאַכט.

אַ קישן. אַ גלאָז וואַסער און זי.
פייגל אין צימער שוועבן.
פאַרמאַכטע גרינע אויגן.
לעצטער אות פון לעבן.

באַטרערטע נאַסע אויגן.
דאָס האַרץ — יונג און גרוי.
אויפן טויטן בעט איינגעבויגן
קלייבט היינע לעצטע טראָפּנס טוי.

דאָס לעבן שיילט אָפּ אַ לעצטן פּאַס
פון אַ זון — קאַלט ווי גאָלד.
ווי זעט אויס אַ גאַס,
ווען רעמבראַנדט אירע דעבער מאָלט?

דאָס לעבן קריכט צו זיין קראַנקער בעט,
לייגט אַוועק די לעצטע שטערן.
די לבנה פאַרענדיקט איר קרייז. ס'איז שפּעט.
מאַטילדע ווישט אָפּ די טרערן.

מיטן געזאַנג פון הימלישע חנען
פלאַצן די סטרונעס פון היינעס געמיט.
מאַרגאָ פאַרגייט זיך אין געוויינען
דער מייסטער דערגאַנגען צום סוף פון זיין ליד.

אַ שיכורן גאָט האָט ער געדינט,
שיכור מיט הימל, מיט בערג און מיט טאָלן.
מיט אַ ליד האָט ער דעם מאָרגנשטערן אָנגעצונדן,
מיט אַ גראַם האָט ער די שיינקייטן געמאָלן.

אַ יעזוס־קאָפּ, אַ געלעכטער פון מעפיסטאָ.
אויפן טויטן בעט מיט זיינע פריידן, זיינע צערן.
פּאַריז האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן.
טרויער האָט געשווענקט די בערלינער בולוואַרן.

די געטער פון אָלימפּ האָבן נאָכגעפאָלגט די טריט
און נאָכגעקוקט ווי הענרי צינדט די פונקען.
דער טויט האָט זיך פאַרהאַלטן ביי דעם שוועל.
אין לעצטן דמיון הענרי איז פאַרזונקען.

אַריסטאָפאַנעס איז אַריין מיט שטילע טריט.
דאָס בוך פון לידער איז געגאַנגען אים אַנטקעגן.
אַ טרער אין אַ געלעכטער האָט זיך פאַרקייקלט אין אַ ווינקל
אין וואַלד פון ווערטער געהערט האָט מען די זעגן.

דיביימער האָבן וואָרצלען, מענטשן — פיס, און דיכטער — פליגל
אַזוי האָט צו הערצלען געשריבן אַרטור שניצלער,
אַ מענטש האָט זיין קינדהייט, זיין ניגון, זיין וויגל
די היסטאָריע — איר אַיראָניקע, איר ווייצלער.

אַ ווייצלער וואָס רייסט מיט אַיראָניע די בלעטער
פון העלדן, פון קאַמפן, פון דיינע און מיינע,
פאַרקאַטשעט די אַרבל, אַ מוטיקער קנעטער,
אין דייזשע פון לעבן — אַיראָניע פון היינע.

די טפשות אויף ספרים האָבן העלדן פאַרשריבן,
היינע די בלעטער צעריסן, צעפליקט,
אַיראָניע מיט שכל האָט קערנער געקליבן
אַ גאון אַ קראַנקער האָט אין קערנער געפיקט.

אַיראָניש געמורמלט: ניט גענוג, ניט גענוג.
שאַרפער און טיפער מיט קלוגן געמיט.
מיט קוואַליקן וואַסער אָנפילן דעם קרוג,
אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר היינע דעם ייד.

ווער האָט אָפּגעשניטן היינט דעם תכלת פּאָדעם?
ווער האָט קריעה היינט געריסן אין די בגדים?
דער זכרון האָט זיך דאָ מיט צער'ן אַנגעטרונקען,
די ווינטן האָבן דאָ פאַרלאָשן אַלע פונקען.

דער זכרון האָט געזונגען ווי היינריך היינעס מוזע.
אַן אומעטיקער שדי האָט געוויינט אויף דער מזוזה,
אויף אַלע פעלדער און אויף אַלע וועגן
האָט געברענט אין פייער מיין פאַרמעגן.

פון די פייערן איז מיר ניט געראָטן
אַרויסצוראַטעווען אַפילו אַן אומעטיקן שאָטן
פון אַ היים וואָס האָט פאַרלאָרן דעם באַגינען,
ווען דער צלם אין די קלויסטערס איז אַראָפּ פון זינען.

האַלט איך דאָ ביי אַלטע ברינעמער דעם פאָדעם,
און זוך פאַרוועבן אין אַ האַרץ פון אַ בן אדם,
וועלכער זוכט דאָ אין די טיפקייטן פון כוואַליעס
אַ וואָרט וואָס טראָגט דעם סוד פון וויי־התגלות.

אַטען, ירושלים, רוים,
די ליכטיקע וועלט־שויבן.
פון אַלע היימען — די היים
פון רחמים, חסד און גלויבן.

ווו אַ שטיינדל פון די דריי,
באַציר מיט דעם דיין רינגל,
ביי די אוצרות ביזטו פריי,
בוי מיט זיי דיין ווינקל.

טראָג די דריי אויף דיינע ליפּן,
בלעטער געלע בלעטער,
זיי בויען מענטשן פון די ריפּן,
זיי קנעטן אויס די געטער.

אַטען, רוים, ירושלים
בויען וואָרט און תפילה,
צעצווייגט דער וואָרצל פון דיין רעיון
איבער בערג אָפילו.

ווער זוכט מיך אויף פעלדער, ווער זוכט מיך אין וועלדער,
דערציילט מיר, מיין פריינד, ווער זוכט מיך אַרומעט:
ווער קלינגט אין די גלאָקן: מ׳זוכט דאָ אַ דיכטער.
פאַרפאַלן געוואָרן אין נעצן פון אומעט.

פאַרפאַלן געוואָרן ביי שאָטנס, ביי קוואַלן,
מ׳זוכט און מ׳קען אים אין ערגעץ געפינען.
אפשר ביים אָפּשיין פון פאַרגאַנגענע זונען,
אפשר ביים וועבשטול פון ווערטער, ביים שפּינען.

מ׳זוכט אים אַרום אין ליד פון סלאָוואַצקין,
אין „סמוטנא מי, באָזשע״, און אפשר ביי היינען.
אפשר האָט דיאַגענעס פּאַס אים פאַרשלונגען,
אפשר שטייט ער און העלפט דאָרט באַנטשען אין טענהן.

מ׳זוכט אים, מ׳זוכט אים ביים רעגן, ביים ווינט,
אַרויסגעשיקט האָט מען די פיילן פון יעגער,
נאָר דוכט מיר מ׳וועט אים געפינען נאָך היינט,
וואָך אין זיין חלום אויף ווערטער־געלעגער.

פאַרבייג די ווערטער דיינע, פאַרבייג,
ביז אַלע אותיות וועלן שוויַגן.
בלייבן אין דיין ליד וועט אויג
און האַרץ, — ווי פּולע זומערדיקע צווייַגן.

און אַז די אותיות שווייַגן זינגט דאָס וואָרט,
צוזאַמען מיטן טרילן פון דעם נאַכטיגאַל,
דאָס ליד באַצאָלט אויב דו האָסט אַן אות געשפּאָרט,
הענריך היינע האָט באַשטעטיקט אַט דעם כּלל.

פאַרבייג די ווערטער דיינע, פאַרבייג.
אַ פּינטעלע. אַ קאָמאַ און אַ סימן.
פון סעקונדעס — אַלע אייביקייטן זויג,
אַן אויסגעמעקטע שורה איז אַ דימענט.

טרינק ניט ווערטער, ווי אַ הולטאַי — אַ שיכּור.
פּאָר גאָט און מענטש שטיי קלאָר און ניכטער.
שווייַגעניש אין ליד אַ גרויסער עיקר.
שתיקות בויען דעם נצח פון דעם דיכטער.

איך וויל ניט דעם קאָרן, אויב אַ סערפּ איז זיין מאַמע,
אַ סערפּ, ווי אַ חלף פאַרקיילעכט מיט שאַרפן, —
איך וויל ניט דעם ברויט אויף מיין טיש אויסגעלייגט,
אַ קרבן אויף וועלכן די שניטער זיך וואַרפן.

כ׳וויל ניט דאָס וואַסער, וואָס הייזער פאַרשווענקט
כ׳וויל ניט אַ ברומען, געוואַי פון דעם ווינט,
וואָס שרעקט אין דעם וואַלד די בלומען און גראָזן,
מיט רוגזה און אימה אַנטלויפט ער, פאַרשווינדט.

כ׳וויל ניט דאָס פייער, וואָס רייסט אויף די דעכער
פון אָרעמע כאַטקעס אין געסלעך קרומע,
וואָס ברענט און פאַרברענט די פענצטער און טירן
און לאָזט די אביונים פאַרוויינטע און שטומע.

כ׳וויל ניט דעם יעגער, וואָס רייסט אָפּ די פליגלען,
פון פייגל אין הייכן, פון ווייסינקע טויבן.
פיינט כ׳האָב די בליצן און דונערס אין הימלען,
וואָס וואַרפן מיט קנאַלן און פיילן פון אויבן.

דאָס שייכות צווישן מיר און לעבן, איז ספקדיקע שייכות.
קוק זיך איין אין דער שקיעה, און דו וועסט עס פאַרשטיין.
קוק זיך איין אויף די ווייזערס, און זע ווי מינוטן אַנטלויפן
און נעמען מיט מיט זיך פולע וואַגאָנען געוויין.

דאָס שייכות צווישן מיר און לעבן איז אַ ספקדיקע שייכות.
ווייסט קיינמאָל ווער איז דיין גאָט און ווער איז דיין באַשיצער.
דער צופאַל. דער גורל, דער שטן אַלץ מישט זיך אַריין אין דיין גאַנג
און רעדסטו צו גאָט, וויל ער דיין השתפכות ניט הערן, דו מאַכסט
עס בקיצור.

דאָס שייכות צווישן מיר און לעבן איז אַ ספקדיקע שייכות.
כ׳האָב עס געלייענט אויף די בלעטער פון באַרימטע, גרויסע פילאָזאָפן.
כ׳האָב עס געלייענט ביי די דיכטער, עפיקער, געזען עס אויף בילדער
געמאָלן,
היינע האָט רויק פאַרשריבן : ביי דיכטער מבולבל שטייען די סטראָפן.

דאָס שייכות צווישן מיר און לעבן איז אַ ספקדיקע שייכות.
טאָג נאָך טאָג, נאַכט נאָך נאַכט : חורבן, וויי, פונאַנדערפאַל.
אויף די בלעטער פון קהלת שטייט דייטלער, קלאָר און אָפן
פאַרשריבן :
גרייט זיך, גרייט זיך צום לעצטן אַקאָרד פון לעבן־קאַרנאַוואַל.

דער פּראַגער גולם איז געקומען היינט צו מיר
און געזאָגט מיר קלאָר און שטרענג: איך בין געקומען מאָנען
רו זאָלסט מיר לאָזן ליגן רויק דאָ צווישן ש מ ו ת,
און מיין נאָמען אין די ביכער דיינע ניט דערמאָנען.

איך האָב מיין לעבן אָפּגעלעבט, מיין חלום לאַנג שוין אָפּגעחלומט:
אַ דיכטער לייוויק האָט געבונדן מיך אין זיין שירה־היכל.
גענוג, גענוג האָט איר געפּייניקט מיך אין לידער און אין דראַמעס.
איך בין אַ גולם מיט אַ פּויסט. אַפילו דעם מהר״ל איך בין ניט מוחל.

ווילט איר עפּעס טאָן פאַר מיר, ברענגט מיר דבורה׳לען אַהער.
הערט איר ניט דעם פּראַגער גולם ווי אַ חיה וואָיען?
געבליבן איז מיר אַ זכרון פון אויגן און פון הייסן בלוט
איך געדענק נאָר דבורה׳לען, די פרוי פון אַלע פרויען.

ברענגט מיר דבורה׳לען אַהער. מיין איינזאַמקייט וועט זי מאַכן
גרינגער.
איך וועל זי אויסהיטן פון אַלע בייזע ווינטן און פון אַלע שונאים.
אויף דעם בוידעם־שטיבל פון דער אַלט־ניי שול, צופוסנס פון
דעם גולם,
וועל איך באַשיצן מיט מיין פויסט דעם שמייכל און די טרערן אויף
איר פנים.

ווען די פייגל וועלן אַפּפליען אין ווייטע לענדער,
וועל איך בעטן נאָר דעם אָדלער, ער זאָל מיט מיר פאַרבלייבן.
עס דאַרף אַ דיכטער פאַרקוקן אין די הייכן,
ווייל אַנדערש — וויל די פען ניט שרייבן.

עס מוז אַ דיכטער צו די בערג אַ קוק טאָן,
די אויגן צו די הייכקייטן און ריזן.
אויף אַ באַרג געזען האָב איך אַ קאַרליקל,
ווי אַפּאַלאָ האָט ער זיך צו מיר באַוויזן.

אויף אַ באַרג געזען האָב איך אַ נזיר,
אין אַ מאַנטל איינגעהילט פאַרוויקלט,
מיט טויזנט שטראַלן געלויכטן האָט זיין פּנים,
געזען האָב איך אַ פייערדיקן עיגול.

אויף ימים און יבשות פאַרקוק צו ווייטקייטן און שטערן,
אַ דיכטער דאַרף געהערן צו אַ ריזן שטאַם,
נאָכקוקן אין הימלען דעם פלי פון אָדלער,
און זיין אַליין אַ כוואַליע אין דעם ים.

ניט אײנמאָל װײס איך: כ׳האָב אַ קנאַפּע שײַכות צו דער װעלט,
איבערפֿולט מיט האַרץ װאָס גיסט זיך איבער אויף די ברעגן.
פֿון הײכן הער איך קולות און אַלע שטערן לױכטן,
מיט זומערן פֿאַרגאָסן אַלע װעגן.

כ׳האָב אַ קנאַפּע שײַכות צו דעם טאָג, צו זײַן טומל און גערױש,
אַלע קענען זיך באַגײן אָן מיר.
נאָר װײסן װײס איך, אַז ערגעץ דאָרט אין װײטן
װאַרט אױף מיר אַ שמײכל און אַן אָפֿן טיר.

כ׳האָב אַ קנאַפּע שײַכות צו מײַן סידור און אַלע תּפֿילות דאָרט
פֿאַרשריבענע,
כ׳פֿאַרמאָג עטװאָס אַזױנס װאָס איז צאַפּלדיק און ציטעריק.
דוכטן דוכט זיך מיר אַז גאָט אַלײן שרײַבט ליריק,
און מײַן ליד אָן קלאַנג, קאָליר איז איבעריק.

כ׳האָב אַ קנאַפּע שײַכות צו מײַן שאָטן,
ער גײט מיר נאָך, װי אַ גזלן אין דעם װאַלד.
נאָר הערן הער איך, װי אױך דער שאָטן שרײַט מיט קולי־קולות:
גװאַלד.

טונקל, איינזאַם, שטייט אַ וואָלקן אויף די הימלען אין געבעט:
באַוואַסערן די וועלט מיט מזל און מיט ברכה און מיט גלעט,
מיט רחמים און מיט חסד אויף אַ שטיבעלע אַ קליינס, אַ שוואַך,
מיט אַלדאַס־גוטס אויף אַ כאַטקע ביי דעם טייכל מיט דלותדיקן דאַך.

האָט גאָט דאָס געבעט פאַרנומען און דעם וואָלקן וואַסערלעך געגעבן,
אַנטרינקען די פעלדער און די וועלדער, גרינס די גערטנער געבן,
דאָס פאַסטוכל זאָל פרייען זיך מיט לעמעלע, מיט זיין סטאַדע שאָף,
דער דיכטער זאָל זיך פרייען מיט זיין ריטמיק אין דעם סטראָף.

איז אַ שווייגנדיקער וואָלקן אַרויס די וואַסערן צעשיטן,
געזען האָט ער אַ פויער אויף אַ פעלד אין מיטן.
געזען האָט ער ביי קוואַלן הירשלעך טרינקען אויפן ברעג,
האָט דער וואָלקן די וואַסערן צעשאָטן און אַוועק זיין וועג.

אין פרימאָרגן האָט דער וואָלקנדל דערזען, ער איז אָן וואַסערן
פאַרבליבן,
אַלע צער'ן פון דער וועלט האָבן זיך אין אים פאַרקליבן.
צו די הויכע הימלען האָט אַ טרויעריקער וואָלקן אַנגעהויבן קוקן,
און דערפילט דעם וויי פון מענטש און גראָז ווען זיי בלייבן טרוקן.

חרטות אין דיין לעבן, ווי נאַכטיקע ווידויים,
זיי גייען נאָך פּאַמעלעך, מיט וואַקלדיקע טריט.
„אשמנו״, „בגדנו״, — ציילסטו די חטאים
און טונקל ווערט געפיל, און טונקל ווערט געמיט.

אַט דאָ און דאָרט אַ טעות. אַ חלום דאָרט צעבראָכן,
און דו אַליין ביסט שולדיק צוליב דיין יינגלשן באַגער.
געדענקסט: אין אַ ווינטערדיקן טאָג, מיט פאַרשוועכטן כבוד און אַ פּעקל,
איז זי אַוועק אין ווייטן, און אין דיין האַרץ — אַ טרער.

חרטות אין דיין לעבן: געדענקסט די שוואַרצע אויגן,
און די בעכער פולע מיט טויזנט ליטערס ווייַן.
אויף הימלען איז געלעגן אַ בלויער רעגנבויגן
און דו ביסט אין אַ וואָלקן אַ פּאַרלווירענער אַריין.

חרטות אין דיין לעבן: ווען דו וואָלסט מער און מער
געלייענט איר מעלאָדיע אויף באַטרערטע נאָטן,
און פּרובירט פאַרשטיין איר אויג און איר געהער,
וואָלט אויך דיין ברויט געווען מיט יום־טוב אויסגעקנאָטן.

נו, איז וואָס אַז איך גלייב אַז אַ דאַנק מיין שיר,
זע איך די פּרימאַרגנס, ווי שיינע יונגפרויען בלוטיקע און רייפע,
און די נעכט, ביי גרינע לאַנקעס און מורמלדיקע טייכן,
ווי בריסטן, אין אויגן פון ראָדען, צאַפּלדיקע, שטייפע.

נו איז וואָס, אַז איך גלויב, אַז אַ דאַנק מיין גראַם
זע איך ווי וועלטן אָפּגעזונדערטע ווערן איייניק.
און אַלע אויגן פון די בלאָע קינדער
זאָגן אַן אַ בשורה: די וועלט פון פּסולת ווערט געקייניקט.

נו, איז וואָס אַז איך גלייב, אַז אַ דאַנק דעם ריטעם
פון מיין וואָרט אין ליד איז די וועלט אַ וווּנדער און געראָטן.
און אַלע שטראַלן פון דער זון, טרינקען זייער שיין
פון מיין סודותדיקן לעבעדיקן שאָטן.

נו, איז וואָס אַז איך גלייב: אַז ווען ניט דאָס ליד,
וואָלט דער תוהו און דער בוהו צעריסן מיין געביין,
ס'וואָלט קיין ברעקל ניט געבליבן אפילו פון מיין שאָטן,
און מיינע יאָרן וואָלטן ניט געקענט צום לעבנס-שטראָם דערגיין.

צי טעותט אַ פויגל אין פלי,
איבער יבשות און ימען ?
איז מעגלעך אַז ליפּלעך פון קינד
זאָלן ניט געפינען די בריסט פון דער מאַמען ?

צי טעותט אַ גלאָק ווען ער קלינגט,
ווען אַ פייער צעשיט זיינע פונקען ?
איז פאַראַן אַ שטיין אין דער וועלט
וואָס ליגט ניט אין טרויער פאַרזונקען ?

איז דאָ אַ שטומקייט אויף וועלטן
וואָס דערמאָנט ניט אַ דיכטערס געשריי ?
איז דאָ אויף דער ערד דען אַ יאדער
וואָס וויינט ניט אין טיפן מיט ווי ?

אַ טרער זיך פאַרקייקלט אין האַרץ
שלומערט מיט ציטער אין לייב.
אַ טרער האָט נאָך קיין מאָל געטעותט,
פאַרצייכן עס, דיכטער, פאַרשרייב,

איך דערמאָן זיך:
אַ מאַמע, אַ טאַטע.
אַ גאָרטן מיט בלומען,
מיטביימער סוקעוואַטע.

מיט אויגן און חכמה,
מיט שמייכל, געקלאַג,
מיט יושר. מיט חסד.
מיט האַרץ און מיט וואָג.

מיט תחינה. מיט מחזור.
מיט בלעטער־געמיש.
מיט קושן די שמות,
מיט זאַלץ אויפן טיש.

מיט וויין אין דעם בעכער
מיט גוטן געמיט.
ווער געשאַרפט האָט דעם חלף
פאַר בלוט און פאַר שניט?

אַזוי וואַקסט עמוד צו אַן עמוד
דער גלייביקער לויפט נאָך דעם כופר.
אַזוי וואַקסן אויס די הורדעס ווערטער,
אַזוי בויט זיך אויס אַ ספר.

אַזוי וואַקסט אַ שטימונג צו אַ שטימונג
געפיל און שכל און אחריות.
בייראָן, נאַרוויד, חיים נחמן
און אויך רבא און אביי.

אַזוי וואַקסט אַ וועלט אַריין אין וועלטן,
אין דאָס ליד — די קאָנקורענטן,
פרייער פערז וויל שורות ברייטע
און סאָנעט האַלט דיך אין פענטן.

קאָנקורענטן — ניט אָוועקצומאַכן.
אַן אָפן אויג האַלט אויפן טראַקט:
ניט פאַרגעס אַז ליד דאַרף האָבן:
לשון, גראַם און טאַקט.

האָט איר געזען אויף וועלטישע שליאַכן אַ דאָרשטיקן
וואַסער־טרעגער?
איך האָב אים געזען מיטן קאָראָמיסל און עמער.
אין חלום ווען ער גייט אַרויף אויף זיין געלעגער
זינגט דער וואַסער־טרעגער אויס זיין זמר.

איך בין אַ וואַסער־טרעגער, כ׳האָב אַלע קוואַלן אויסגעפונען,
נאָר טרינקען טרינק איך פון מיין אייגן קוואַל.
אין מיינע טיפקייטן פאַרזונקען האָט אַ ברונעם,
פון אים איך שעפּ דעם צויבער און דעם שטראַל.

מיין קוואַל אין טיפקייטן איז חנעוודיק און אָפן,
ער קוועלט אַרויס מיט שירהדיקן רוישן,
אַלס קינד האָב איך אויף וועגן אים געטראָפן,
כ׳וועל אויף רענדלעך גאָלדענע אים קיינמאָל ניט אויסטוישן.

איך בין אַ וואַסערטרעגער, דער קאָראָמיסל און עמער מיינע פידלען,
איך שפּיל אויף זיי מיין אלף און מיין תיו
נאָר זיי וועלן מיט אַנגעשאַרפטע רידלען
אויסגראָבן די ד׳ אמות פון מיין סוף.

איך גיי אַרום צווישן לעבעדיקע.
נאָר די טויטע באַגלייטן מיך.
ס׳קומט אַריין אַ לעבעדיקער מענטש,
נאָר אַ טויטער עפנט אים די טיר.

די טויטע לעבן אייביק.
זיי פאַרמאָגן אַזאַ לעבעדיקן בליק.
נאָר די לעבעדיקע גייען אום פאַרדאגה׳ט.
ס׳גייט זיי נאָך די פּעטליע פון אַ שטריק.

דער ענין איז ניט פּשוט, פּראָבלעמאַטיש
דער טויטער טראָגט מעדאַלן און אַ טיטל.
נאָר דער לעבעדיקער צאַפּלט זיך אין מורא,
אין פּחד פאַר דעם ווייסן קיטל.

לעבעדיקע-טויטע, מאַכט שלום,
גאָט איז גרויס און ער איז דער קאַסירער.
דער טויטער ווייס גענוי און פּינקטלעך,
דער לעבעדיקער — דער פאַרליִרער.

היסטאָריע איז ניט קיין סימפּאָזיאָן פון חכמים.
אויך דער נאָר האָט עפּעס וואָס צו זאָגן,
אויך די מאַמעס אין שוואַרצן איינגעהילט
ווען די אויגן זענען נאָס פון קלאָגן.

אלכסנדר מוקדון און זיין היסטאָריקער הויזן ניט אין זעלבן הויז,
אַנדערש איז געדעקט ביי זיי דער דאַך.
ביידע שרייבן גריכיש, נאָר ווי פאַרשיידן
איז דער תוכן פון דער שפּראַך.

אלכסנדר וויל אַ גאָט זיין, נאָר קליסטינעס ווייס:
דאָרט אין אַטען לייענט אַריסטאָ זיינע בלעטער.
וויל ער ניט אין פאַנטעאָן פון מיסטיק,
דעם קריגספּירער באַשיינען צווישן געטער.

אלכסנדר שטערט קליסטינעסן שרייבן די היסטאָריע,
נאָר דער היסטאָריקער האָט דעם אמת אויסגעהאַמערט שטיל.
איז פאַרבליבן אַ סטאַטוע פון דעם גרויסן מאַקעדאָנער
צווישן האַמער און קאָוואַדלע, צווישן שכל און געפיל.

געוואַלט דיר אָנשרייבן אַ בריוו,
און דערציילן דיר פון אַלעס,
פון מיין פּען וואָס קריצט מצבות,
פון מיין וואָרט וואָס וויינט אין דלות.

געוואַלט דערציילן פון מיין גראַם,
ווי ער וואַלגערט זיך אין רינע,
ווי דער גרויסער קעניג ליר
שפּילט זיין אומעט אויף דער בינע.

געוואַלט דערציילן פון מיין ריטעם,
ווי איך וויל אַ בלום באַשרייבן.
איז קיין טינט מיר ניט פאַרבליבן,
מוז איך אין מיין פּוסטקייט בלייבן.

געוואַלט דיר אָנשרייבן אַ בריוו
ווי אַ פּאָעט צו אַ פּאָעט.
איז די נאַכט דאָ צוגעפאַלן
און געפּליסטערט שטיל: ס'איז שפּעט.

דאַווענען אַ שמונה עשרה שטיל, בלחש, מיט ניין יידן.
(דער צענטער, ווי דעם בראַצלאַווערס זיבעטער בעטלער — ניטאַ)
אַנקומען צו גאָט און פרעגן — ווו איז דער צענטער ייד —,
ווייל אַרום איז גראַ. גראַ. גראַ.

ווו איז דער צענטער ייד? מיט וועלכן רויך איז ער אַוועק?
קיין מזרח? קיין מעריב? קיין דרום? קיין צפון?
איך האָב אים געזוכט מצרף זיין צום מנין.
כ׳האָב אים אין ערגעץ ניט געטראָפן.

ווו איז דער צענטער ייד? איז דער מנין מיינער אַ כשרער?
ווער וועט מיר די הלכה באַשיידן?
מעג אַ ייד זיך שטעלן דאַווענען בלחש שמונה עשרה
און אָן דעם צענטן מיט גאָט זיך דורכריידן?

ווו איז דער צענטער ייד? ווו זיין גוף? ווו זיין רוח?
דער „שיויתי״ וויינט מיט מיר. ס׳כליפּעט אויף דער דוכן,
איך וועל גיין אויף אַלע וועגן פון דער וועלט
מיין פאַרלאָרענעם צענטן ייד אָפּזוכן.

מיט פולע צעבערס שעפּ איך היינט די וואַסערן פון טיפן.
איך האָב ליב צו שטיין אין שקיעה'דיקע שעה'ן,
אַריינקוקן און זען, ווי דער אָוונטשיין בעט נאָך אַ פּאָר מינוט
צו אָנקוקן די מיסטעריעזע דנאָען.

איך קום צום ברונעם געיאָגט פון אומרויקן זיין,
פון די שאָטנס וועלכע קריכן אויף די ווענט אַרויף־אַראָפּ,
פון דער ליידיקייט וואָס פאַרמעסט זיך איינשלינגען דיין טאָג,
פון אַ וואָרט וואָס זוכט דעם דגש און דעם טראָפּ.

איך קום צום ברונעם, ווייל כ'האָב ליב די וואַסערן,
און דעם דיכטער וועלכער שטייט דאָרט אין פאַרנאַכטן.
כ'קום צום ברונעם ווייל כ'האָב ליב די סודותדיקע שליאַכן,
און די תורה פון דעם ניסתר, פון אַ למד־וואָניק אַ פאַרטראַכטן.

איך קום צום ברונעם, ווי אַ סקולפּטאָר קומט צום שטיין,
ווי אַ געליבטער קומט זיך אויסוויינען אַ שטייגער.
איך קום צום ברונעם, דערציילן אים מיין פּחד
פון די ווייזערס וועלכע לויפן אויף מיין זייגער.

ווען כ'וואָלט וויסן ווי רוען די יאָרן זיך אָפּ פון דעם אומעט,
ווי זענען די אינדזלען ווו ס'רוען די צער'ן פון טויטן,
וואָלט איך פליגל געבעטן ביים גאָט פון די אייביקע פליגל
איך זאָל קענען אין גאַנג פון מיין לעבן מיט האַרץ און געפיל זיי
באַגלייטן.

ווען איך וואָלט וויסן ווהין פליען אַריבער די פייגל די הייכן,
און ווו איז דער פּלאַץ פון די אָדלערס ווען זיי לאָזן אַראָפּ זיך אין
נידער,
וואָלט איך יאָרן געבעטן ביים גאָט וואָס שענקט מיר די יאָרן,
איך זאָל זיי קענען באַגלייטן מיט גראַם און מיט טאַקט אין די לידער.

ווען איך וואָלט וויסן ווי גוסטן שטיל אַלע ליבעס,
ווען עס לעשט זיך דער פייער און ס'פלעמלט דאָס פלעמל מיט ציטער,
וואָלט איך ביים גאָט פון די האַלאַוועשקעס געבעטן: אָ, לאָז מיך
אַריין
אין די ביידלעך ווו ס'גוססן ליבעס און דער צער אַזוי שווער איז
און ביטער.

ווען כ'וואָלט וויסן ווהין פירט דער חלום אין נאַכטיקן צאַפּל,
די איינזאַמע מענטשן, מיליאָנען צעווייטאָקטע זקנים,
וואָלט איך בעטן ביים גאָט, וואָס האַלט אין די הענט אַלע צייטן, —
פיר מיר אַריין אין דעם חלום, און לאָמיר חלומען דאָרטן אינאיינעם.

אַזוי ווי די שקיעה ענדיקט דעם טאָג,
פאַרענדיק איך היינט מיין קליין מאָנאָלאָג:
אַ שלונג פון פרייד, טרער און געוויין,
אַ פאַרלאַנג פון אַ ליד אָן אַ לייענער, אַליין.

אַ מאָנאָלאָג פון די קנייטשן איבער פּנים און ברעמען,
פון נעפּל און פיבער ווען האַרץ איז אין קלעמען,
ווען דיין אויג אין די הייכן דערזעט טשאַטעס קראָען,
און דיין אויער פאַרנעמט אַ געוויין פון די דנאָען.

אַ מאָנאָלאָג פון אַ היים, פון גאַז, דינאַמיט
פאַרשוויגן געוואָרן מיט ווײַ אין דער מיט,
געבליבן פאַרסמאַליעט די קאָרע פון בוים
און אָן איינזאַמע שורה: געווען דאָ אַ היים.

אַזוי ווי די שקיעה ענדיקט דעם טאָג,
דערציילט מיר אַ סוד מיין קליין מאָנאָלאָג:
דאָ ליגן נאָך ציגל און הענט און אויך ליים
דאָ בויט נאָך אַ דיכטער זיין וואָרט און זיין היים.

אַזויפיל פעדעם דינע
אין ליכטיקן באַגינען.
פלוצלונג מיט אַ מאָל:
צעבראָכן ליגט די וואַזע פון קרישטאָל.

די וואַזע אויסגעהיט פון אַלע זאָרגן.
פון די היינטן געבראַכט איר צו דעם מאָרגן.
פלוצלונג מיט אַ מאָל:
צעבראָכן ליגט די וואַזע פון קרישטאָל.

מיט לעבן פאַר דער וואַזע כ׳האָב באַצאָלט.
קינסטלער האָבן אַ חלום אויף איר פנים אויסגעמאָלט.
פלוצלונג מיט אַ מאָל:
צעבראָכן ליגט די וואַזע פון קרישטאָל.

היינט איז מיר געוואָרן קלאָר:
פון די וואַזע־שערבלעך אויפגעקלעפּט מיין חלום און מיין וואָר.
גאָט מיינער, זיי מוחל און פאַרגיב:
יעדע שערבל איז מיר טייער, איז מיר ליב.

מיטן ערשטן גראַם אויף דער וועלט
האָט זיך דער ערשטער פלאַקער צעפלאַקערט,
דער פלוג האָט רויק און שטיל
די ערשטע ברוזדע צעאַקערט.

דער בוימייסטער פאַרדבקה׳ט, מיט תפילה
האָט פאַרלייגט דעם ערשטן פונדאַמענט,
געלייגט אַ שטיין אויף אַ שטיין
און געבויט די ערשטע ווענט.

דער האָניק פון אַלע בינען,
די מילך אין אַלע קאַנען,
האָבן נאָכגעקוקט אין סאַזשלקעס
ווו עס טובלען זיך ווייסע שוואַנען.

צום ערשטן מאָל דאָס ליכט
האָט אַריינגעקוקט אין שויבן.
מיטן ערשטן גראַם געבוירן:
שטערן, פרייד און גלויבן.

רעוואָלטירן. מ׳דאַרף רעוואָלטירן.
מ׳דאַרף דעם רעוואָלט אין חדרל פירן,
לערנען און לערנען אַ נייעם געבורט,
אַז אַ מענטש איז אַ מענטש און ניט קיין אַבסורד.

לערנען דעם כופר, דעם תלין, דעם שענדער,
אַז אַ מענטש איז מיר נאָענט און איז ניט קיין פרעמדער,
זיין אוצר איז בלוט, אָטעם און גלידער,
אַז אַ מענטש איז אַ דיכטער וואָס קען שרייבן לידער.

לערנען און לערנען טיפער און וואָגיק,
געקנאָטן אַ מענטש איז פון האַרץ און פון לאָגיק,
פון פרייהייט און ווילן, פון צער און פון גליק,
צום שחר, צום הימל בויט ער אַ בריק.

דער מענטש איז אַ יחיד, דער מענטש איז אַ כלל,
ער זיצט ביי דעם שפינראָד און שפינט זיין שיקזאַל
און וויל אים דער שטן אין גיהינום פאַרפירן, —
רעוואָלטירן. מ׳מוז רעוואָלטירן.

די חכמה פון יוחנן הסנדלר
האָט שוין א. אלמי אין לידער פאַרשריבן
איך האָב נאָר פון האַרציקן שוסטער
שיריים געקליבן.

אַוודאי, ניט דער שטיוול, ניט דער שוך
איז דער עיקר.
זיין ניכטער אין לעבן — אַ חטא,
זיי אין לעבן אַ ביסעלע שיכור.

אַוודאי, ניט אַזוי דווקא
דער גאַנג — ווי דער אופן.
אַ פאַמעלעכער טראָט — איז אַ זינד,
דער עיקר איז לויפן און ניט — אַנטלויפן.

אַוודאי, ניט דער שטיוול איז שולדיק
אויב דער וועג איז אַ שלעכטער.
ניט דער חלף איז שולדיק,
נאָר די האַנט פון דעם שעכטער.

נאָך דעם רויש פון אַלע געזאַנגען, נאָך דעם צויבער פון שיר השירים,
גייט קהלת אַרום מיט פאַרדראָס.
דער טויט ליגט אויסגעלייגט אויף אַלע וועגן.
האַרבסט אין אַלע הייזער — באַלעבאָס.

שולמית גייט אַרום אין בלויען גאָרטן ליכטיק פריי,
בריסט, — ווי די אייביקייט פאַרקריצט האָט בליאַסק פון גאָלד.
קהלת טונקט אַ פענדזל אין די פאַרבן,
דעם האַרבסט ער מאָלט.

בלעטער אַרוםביימער שטאַרבן אומעטיק, פאַרגעלט,
שאָטנס פון די וועלדער גייען, קומען.
קהלת שטייט באַהאַלטן לעם די קוסטעס.
ער איז מיט זיך אַליין פאַרנומען.

ווען איז דאָס געווען, ווען די צייט פון שיר השירים
האָט געבראַכט אַזוי פיל פרייד, געגנוס ?
היינט שטייט ער דאָ פאַרקלעמט, אַ טרער אין אויג פאַרצויגן,
פון דער ווייטנס שיקט קהלת שולמיתן אַ גרוס.

איך קאָרמע מיין טאָג מיט רעשטלעך פון פריילעכן חלום,
מיט רעשטלעך פון זון און פון ליבשאַפט פאַרמישט מיט אַ בעבערל טרערן,
אויף וועגן און סטעזשקעס נאָך פלינק און נאָך גרינג אויפן טראָט,
קום איך צו שקיעת החמה מיין אייגענע שירה דערהערן.

איך קאָרמע מיין טאָג מיט טומל און רעש פון די פריילעכע גאַסן,
און קלעטער אַרויף אויף די לייטערס צו שפּיצן פון טורעם,
איך קאָרמע מיט ווערטן, מיט שמייכל פאַרמישט מיט אַ בעבערל טרערן.
און גלייב אַז די ווערטער געפינען אין ליד מיינס אַ פורעם.

איך קאָרמע מיין טאָג מיט שאָטן און נאַכט, מיט בליץ און מיט רעגן,
מיט שטילן געפיל און מיט אימפּעט, מיט רוגזה, עקסטאַז,
אַ ביסל איראָניע פאַרמיש איך אין אויגן פון נעבטיקע לידער,
אַ מאָל דערלויבט זיך מיין ניגון פאַרמישן אַ ביסעלע רשעות און שפּאַס.

נאָר אַזוי האָט אַ מאָל צו מיר רויק און שטיל מיין וואָרט מיר געזאָגט:
קלייב אויף אין דיין טאָג אַלע פייגל וואָס פליען אין הייכן,
און אַלע קאָלירן וואָס ברענען מיט העלישן פייער, —
כל זמן דאָס פייערל ברענט, קען דיין אות צו דער שירה דערגרייכן.

דרך ארץ, דרך ארץ. דאָ רעדט אַן אומעטיקער העלד
פון אַ טראַגעדיע.
דאָ רעדט דאָן קיכאָט
פון דער טראַגישער קאָמעדיע.

דאָ רעדט אַ פריילעכער פאַרשוין,
קלאָר אין דיכטערישן משוגעת,
אַנטקעגן אַלעמען.
מיט פרימיטיווע כלים קעגן דער עגאָיסטישער צעבושעוועטער גאַס.

דרך ארץ פאַר סאַנטשאָ פאַנטשאָ,
קלאָר און ניכטער.
נאָר לעם אים קען ווערן דאָן קיכאָט
אַ קעמפערישער דיכטער.

דאַלצינעאַ, דאַלצינעאַ.
לאָז ניט אָפּ דיין דאָן קיכאָט.
אַנדערש ווערן אַלע דורות
פאַרמשפּט אויפן עשאַפּאָט.

גערואַלט אין לעבן פלאַנצןביימער,
מיט פאַרבן סטעזשקעלער באַדעקן.
געוואָלט דעם טיפן סוד פון קערנער
פאַר מיין וואַרעם האַרץ אַנטפלעקן.

געוואָלט אַ ווייַנגאָרטן פאַרפלאַנצן,
טרינקען ווייַן פון פולן כוס.
נאָכקוקן אין פלי די פייגל,
און פאַרשרייבן אות נאָך אות.

געוואָלט פאַר מיר אַ קוואַל אויסגראָבן,
דאָרט אָוועקשטעלן מיין עמער,
ביי זיין קוואַליק וואַסער זינגען
אַ פרימאָרגנדיקן זמר.

זענען ו ו ע ר ט ע ר אָנגעקומען
אויף אַ קייט מיט טויזנט רינגען,
אַ געשמידטער צו די ווערטער
מוז איך שרייבן, מוז איך זינגען.

אין „שיר היחוד״ שטייט געשריבן:
„וואָס פאַר אַן אויג קען דיך עדותן, און וועלכעס מויל קען דיר
דעריאָגן״
אין מיין שטילן אַלקער כ׳האָב די ווערטער אויפגעקליבן,
אין שווערע שעה׳ן כ׳פלעג די ווערטער זאָגן.

בלייבן ביים גלויבן אָן לאָגיק:
„גזירה גזרתי; אין אתה רשאי לעבור על גזירתי״.
ווי אכזריותדיק, ווי וואָגיק,
אויב אַזוי: איז נאָך וואָס מיין גאַנצע מי?

מיין מי פון וועלן פאַרשטיין
די הימלישע ספערן,
מיין מי פון באַנעמען מיין אייגן געוויין
און פלוס פון די טרערן.

„קיין לעבעדיקער האָט דיך נישט געזען און קיין האַרץ האָט דיך
ניט באַקאַנט,
טאָ וועלכער לויב קען דיך פאַרשטעלן״
ניט שפינאָזע און ניט קאַנט,
אויך זיי האָבן ניט געקענט אַריבער דיינע סודותדיקע שוועלן.

אַ דאַנק דער וועלט פאַר אַלע בעכערס וויין,
פאַר אַלע שיינע אויגן, פאַר אַלע דינע ליפּן,
אַ דאַנק, אַ דאַנק פאַר סאַזשלקעס, טייכן און פאַר ימען,
פאַר אַלע דורכגעזיפּטע קערנער דורך די זיפּן.

פאַר אַלע וואַרצלען, פאַר אַלע שקיעות פון דער זון,
פאַר הענטעלעך פון קינדער און זייער גלעט,
זיי האָב איך פאַרטרויט דעם אָטעם פון מיין לעבן,
זיי האָבן געבויט דעם בנין פון פּאָעט.

אַ דאַנק, אַ דאַנק אַלע וועלדער, אַלע פייערן און פונקען,
אַלע שטערן אַריינגעפאַלענע אין ברונעם.
אין געפענגעניש — מיין האַרץ אויפן שאַרף פון דער לבנה,
זיי האָבן געבויט מיין וואָרט און די ניגונים.

אַ דאַנק דעם וואָלקן דאָרט אין הייכן אין זיין חלום,
דעם רעגנבויגן אויפן הימל מיט געלעכטער.
אַ דאַנק דעם שטיפערישן פלעמל אין די אויגן,
וואָס שטראַלט אַרויס מיט ליכט פון חוהס טעכטער.

מיט ווען כ׳האָב די זינד געטריבן, זאָל קומען עדות זאָגן,
כ׳וויל דער חשבון גלאַט זאָל זיין צווישן מיר און דיר.
צי מאָן, צי פרוי, זאָגט עדות קלאָר און אָפּן,
ווייל ווילן וויל איך היינט פאַרשרייבן דאָס אין שיר.

מיט ווען כ׳האָב די זינד געטריבן, זאָל קומען צו מיין היים,
די שופטים זיצן מיט אָנגעשפּיצטן אויער.
זיי ווילן הערן אַלץ, פון אַלע גלידער, האַרץ און גוף, נשמה,
אָפן איז מיין הויז היינט, אָפן שטייט מיין טויער.

דערציילט, דערציילט, איך אַליין וויל הערן מיינע זינד!
האָט קיין מורא ניט, דערציילט, מיין האַרץ איז שטאָל און אייזן,
נאָר איינס איך בעט אייך, עדות, באַגלייט מיט אמת אייער וואָרט
און אייער עדות געשטיצט זאָל זיין מיט אמתע באַווייזן.

נאָר ווער עמעץ־ווער פאַלשעוועט זיין וואָרט, שקרים מיר דערציילן,
און זען אויך זינד אין מיין אָוונטיקן טרויער,
וועל איך בעטן מיינע שופטים, זיי זאָלן פסקענען אַ דין:
אַז טרויער איז קיין זינד אין אונדזער קורצן דויער.

נעפּלדיקע געסלעך. קרומע מויערן.
קרומע לייטערס. גלייכע יידן.
צעריסענע הערצער. גאַנצע תּפילות.
למד־וואָניקעס אויף ירידן.

צעריסענע שיך. פריידיקע בערד.
אומעטיקע שמייכלען. צעלאַטעטע בגדים.
קאַפּיטלעך תּהילים. באַוועגלעכע אויגן.
אין ארבע־כנפות דער תּכלת־פאָדעם.

און אַלטע קאַפּאָטע. לײדיקע מײַלער.
אָרעמע בעטלער, שטיוול און זוילן.
אַ קוואַליקער ניגון. פריי ווי אַ פויגל.
אין דער נשמה גליענדע קוילן.

ביי וואַקסענע ליכט. אין קיטלען געהילט.
אַ ייד אַ בעל תּפילה. אַ ליכטיקער פאַקל.
דער אומרו פון וועלט, דער צינדער פון חסד,
צו עלית התורה מ׳רופט אים: סך־הכל.

ווי אַ מידער קלעטערער, וואָס וויל דערגרייכן
און ניט פאַלן אין תהום.
ווי אַ מידער קלעטערער וואָס וויל אָנקומען צו הייכן
דעם חלום ניט דערטרינקען אין דעם שטראָם.

געגלייבט: כ׳בין אַ גוטער וואַסערטרעגער
און פול וועט זיין מיין קרוג.
געגלייבט: ניט שטענדיק כ׳וועל פאַרבלייבן נאָר אַ טרעגער,
כ׳וועל די שאלות ענטפערן ווי אַ חכם, קלוג.

בין איך אַרויס צו בערג, זוכן דאָרט אַ דאַך,
די טאָלן זיינען מיר געווען דערווידער.
געגלייבט האָב איך אַז נאָר אויף בערג געפינען כ׳וועל אַ שפּראַך
פאַר מיינע קולות, פאַר מיינע שטומע לידער.

היינט אַ מידער קלעטערער בין איך אין מיין וואַנדער,
געצוימט מיין שפּאַן, נאָך געצוימטער איז מיין שווונג.
נאָר פילן פיל איך, אויך אין מידקייט וואַקסט אין מיר פונאַנדער
מיין וואָרט און לשון אויף מיין גליענדיקער צונג.

װיפֿל קען מען מעלה-גרה׳ן
װעגן קינד און פֿרוי און װעלט.
װיפֿל קען מען מעלה-גרה׳ן
פֿון אַן אָרעמען געצעלט.

זוך איך טעמעס פֿאַר חידושים,
קום איך צו אַ קינד און פֿרוי.
כ׳קום צו שטחים פֿון דער װעלט,
צו פֿעלדער, רעגן און צו טױ.

זוך איך טעמעס פֿאַר חידושים
שפּרינגט אַנטקעגן טאָמאַס מאָר.
נעם אוטאָפּיעס אין די לידער
דײַנע גראַמען שפּאָר און שפּאָר.

אָפּגעשפּאָרט אַ בינטל גראַמען
פֿאַר חידושים אָן אַ שיעור.
װײַטער זינגען װעגן פֿרוי,
קינד און װעלט און װעגן מיר.

מאַנאַטאַן, מאַנאַטאַן זיינען די זילבן פון יידיש ליד.
נאָר אַ מאָל כאַפּט זיך אַריין אין דער טשערעדע אַ לייב.
דערהערסטו ווי דורות צעברומען זיך מיט גדלות,
און אַ דור צו אַ דור זאָגט אונטער: גלייב.

גלייב אין מענדעלען, פּרצן, אין שלום עליכמען גלייב,
זיי גייען נאָך היינט אויף אַלע יידישע בינעס.
זייערע שטענדערס שטייען אויף יידישע ירידן,
און פאַרקויפן צאינה וראינהס און שרה בת טובימס תחינות.

מאַנאַטאַן, מאַנאַטאַן זיינען די זילבן פון מיין יידיש ליד,
נאָר פלוצלונג: ר׳ אברהם און ר׳ חיים רייסן אויף דיין טיר.
קוקסט אַריין אין „פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים״, אין דער „מאַמעס צוואה״
און גלייבסט אין דיין יידיש, אין חכמת־השיר.

נאָר עס טאַטשעט דער ספק, ער רויבט מיר די רו אין די נעכט,
ווי לאַנג וועט דער קערן נאָך יוירן, ווי לאַנג, מיינע טרייע קאַלעגן?
אָדער אפשר פאַרמאַכן די אויגן, ניט בעטן אַ זין און אַ חשבון
און פאַרשטומען דעם ספק מיט שווייגן און אויפהערן שאלות צו פרעגן.

השארת הנפש. השארת הנפש. איך הער דאָס וואָרט אין טיפן.
ווייס איך ניט: שעלטן אָדער בענטשן.
איך וויל די לייענער דאָס דערציילן.
איך וויל דערציילן מענטשן.

נו, איז וואָס, אַז השארת הנפש האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון
דיינע הענט,
און דו דאַרפסט ניט גריבלען זיך און פרעגן.
דיכטער קענען לעבן אָן דעם, אַזוי ווי וואַסערן
וואָס קומען אָן פון ווייטע ימען צו די ברעגן.

נו, וויפל דיכטער זיינען זוכה צו השארת הנפש?
וויפל זיינען זיי די אויסדערוויילטע און באַקאַנטע.
דו מישט די בלעטער און ס'שפרינגען דיר אַנטקעגן:
שעקספיר. דאַנטע.

געטע מיט היינען לויפן נאָך און בעטן: השארת הנפש.
זיי ברענגען מיט די לידער, ווי פייערדיקע זיגלען.
נו גוט, זאָל זיין אַזוי: אפשר רייסט זיך נאָך אַ פינפטער
אפשר קומט סלאָוואַצקי אָן אויף „סמוטנאַ מי באַזשע” פליגלען.

דו פרעגסט ר׳ יעקב פרידמאַן: פאַר וועמען האָט גאָט זיין וועלט באַשאַפן?
איר מיינט אַז גאָט איז אַזוי נאַיוו געווען צו מיינען, עמעץ וועט זיין וועלט פאַרשטיין?
גאָט האָט זיין וועלט באַשאַפן נאָר פאַר די,
וואָס הייבן אָן דעם טאָג מיט טרער אין אויג און מיט געוויין.

גאָט האָט זיין וועלט באַשאַפן נאָר פאַר די, וואָס גייען איינזאַם אויף די וועגן,
ס׳באַגלייטן זיי די כמאַרעס, און אין האַרצן די מחשבות.
דער שטויב אין צעפליקטע זוילן, דער דורשט אויף שטומע ליפּן, —
די וואָס טונקען זייער לעבן אין אימה און אין ים־המות.

גאָט האָט זיין וועלט באַשאַפן, פאַר די וואָס האָבן ניט קיין דאַך אויף זייער קאָפּ,
און אַ בעט, ווו אַ פרוי זאָל געבן וואַרעמקייט און חן.
פאַר דעם קברן וועלכער האַלט דעם רידל אין זיין האַנט,
און פאַר די וואָס לאָזן פריי זייער אומעט און געוויין.

גאָט האָט זיין וועלט באַשאַפן פאַרן דיכטער ער זאָל שרייבן אומעטיקע לידער,
אַן זיי, איז די וועלט פאַרהפקרט, לער און פוסט.
דעם אמת טראָג איך יאָרן אין די טיפן, אין די גראַמען פון די לידער,
אויך מיין פריילעך ליד האָט פון דעם געוווסט.

פלוצלונג, דו ווייסט ניט, ווען איז עס געשען,
דער פרימאָרגן האָט אַרויטגעשיקט ראַקעטן:
עס טובלט זיך דיין טאָג אין ליכט,
נאָר שפּאַלטן אין דעם גוף און קנייטשן אין נשמה בעטן זיך און בעטן:

באַשרייב אונדז, דו האָסט דיין לעבן אָפּגעלעבט.
דעם סידור עפן אויף מיט דיינע ביינערדיקע הענט.
אָט זע: אַ לעצטע סטאַנציע פון דיין באַן שטייט אומעטיק, פאַרשנייט
און אַ לעצט פלעמל, ווי אַ האַלאַוועשקע, ווערט פאַרברענט.

באַשרייב אונדז. קנייטשן ווילן הערן, שפּאַלטן ווילן וויסן,
זיי ווילן אַז דער דיכטער זייער קיום זאָל באַשיידן,
ביסט אָנגעקומען אין גיהנום, און דו האָסט געגרייט דיין לעבן
אָנקומען צו קוואַלן פון גן עדן.

באַשרייב אונדז. גיב אַ זין די שפּאַלטן און די קנייטשן,
און זיי מכריז און מודיע אַז ניט מיר זיינען שולדיק אין דיין נעפּל
און טומאַנען.
אַז אויך ביי אַ מענטש מיט שפּאַלטן אין זיין גוף און קנייטשן אין נשמה
מיט פרייד און ליכטיקייט זיינען פול די קאַנען.

די וואָרצלען זוכן גאָט אין טיפן,
מ׳הערט די תפילה אין באַגינען.
נאָר די וואָרצלען װעלן גאָט
אין טיפקייטן געפינען.

זיי נורטעװען װי טויכער,
אין טיפקייטן ליגט חלום, פאַרב און פּראַכט.
לייג צו דיין אויער, הער:
מ׳הערט די תפילה אין פאַרנאַכט.

פון טיפן קוקן וואָרצלען אויף דער וועלט,
זיי רייסן אויף דאָרט שויב נאָך שויב.
דער ווינט האָט מיר אַ מאָל דערציילט
אַז ער האָט פאַרשריבן זייער וואָרט און לויב.

אַ וואָרצל אין אַ וואָרצל ליגט פאַרקניפּט
און וויסן ווייס ער, אַז ער וועט דערגרייכן
צו אַ גאָט וואָס רייסט זיך פון די טיפן
צו די שטערן, צו די הימלען, צו די הייכן.

יעזוס האָט קיינמאָל ניט געלאַכט.
אַפילו ניט אויף די סטעזשקעס פון פּוילישע וועגן.
מיט צעשפּרייטע הענט אַנטקעגן נאַכט
האָט אים אויסגעפּאַטשט אַ שטורעמדיקער רעגן.

ער איז געשטאַנען ווי אַן אונטערגעהאַקטער וואָרצל פון אַ בוים,
אַראָפּגעקוקט אויף די טשוועקעס אין די פיס.
און ניט געלאַכט, ווייל אין בגד פון זיין טרוים
האָט ער דערזען אַ ריס.

אַ ריס, וואָס זיינע ברידער האָבן אים מיט בלוט פאַרשמירט,
מיט טופּענדיקע רייטער אויף צלמדיקע פערד.
און האָבן אים אין מלכות אומעט ווייט פאַרפירט
צו הימלען וועלכע ווייסן ניט דעם טעם פון פשוט ערד.

יעזוס האָט קיינמאָל ניט געלאַכט. מיט צעבראָכענע פליגלען
געשטאַנען און אויפן קאָפּ אַ דערנער קראַנץ.
אַנדערש וואָלט געווען, ווען אין די וואָלקנדיקע שפּיגלען
וואָלט אַ דיכטער אין זיין שוואַרצאַפּל אַ געלעכטערל פאַרפלאַנצט.

אויף אַ יריד, אין מיטן גאַס געטראָפן כ׳האָב אַ צווילינג:
איינעם רופט מען שכל, דער צווייטער הייסט געפיל.
איך האָב זיי אָפּגעקויפט ביים קאַברינער בעל־עגלה,
אַוועקגעפירט זיי ביידע צו דער מיל.

געבעטן כ׳האָב דעם מילנער אויסמעלן דעם צווילינג.
ביים מילנער כ׳האָב פאַרשריבן אויף אַ ווייסן דף:
די מלאכה איז געמאַכט געוואָרן גוט מיט חסד און גנאָד,
ווי אין די בראשיתדיקע יאָרן האָט גאָט געקנאָטן זיין באַשאַף.

אַוועק בין איך צום שרייבטיש מיטן ווייסן צווילינג,
אַ שורה נאָך אַ שורה האָט מיין פען פאַרמירט.
געזען האָב איך דעם צווילינג אין זיין פראַכט און אין זיין חן,
צו ערדן און צו הימלען האָבן די אותיות מיך פאַרפירט.

אַ דאַנק דיר, מילנער, פאַרן מעל, אַ דאַנק קאַברינער בעל־עגלה,
אַוועק בין איך אויף וועגן מיט מיין האַק־און־פּאַק.
ווי וואָלט מיין לעבן אויסגעזען אויף אַלע וועלט־ירידן,
אָן דעם ווייסן מעל אין מיין כישופדיקן זאַק.

איך זיץ און איך בלעטער אַ ספר,
דער ספר טראָגט מיין נאָמען,
אין אים כ׳האָב פאַרזייט
אַ שפּעדיקן זאָמען.

דעם זאָמען פון די בלעטער
קען איך ניט צעשיידן,
דער ספר טראָגט די חכמה
און די נאַרישקייט פוןביידן.

דער ספר טראָגט מיין נאָמען,
דער נאָמען — ניט קיין היגער.
די בלעטער רייצן זיך:
מיר זענען פון דיר קליגער.

עס ווערט אין אונדז דיין זאָמען
ער חכמהט זיך אין בלעטער,
דער טייג וואַקסט שטענדיק העכער
פון שווייגנדיקן קנעטער.

פרעג: ווּהין פאַרגייט די זון און די קלאַנגען פון דעם פייפל,
וואָס טוט אַ האַרץ פון אַ געליבטן ביי די קוואַלן,
וואָס טראַכטן סטרונעס אין די הענט פון גוטע פידלער,
וואָס טראַכטן אין פאַרנאַכטן לעצטע שטראַלן.

פרעג: וואָס טוען אין דעם מדבר אַלע ווינטן
און די וואַסערן וואָס רייסן זיך אַרויס פון ראַמען,
פאַרוואָס שטורעמען די בליצן און די דונערן אין וועלדער,
פאַרוואָס רייסן זיך די כוואַליעס אויף די שיפן אין די ימען?

פרעג: וואָס טראַכטן וואָלקנקראַצער ווען זיי קראַכן פון די הייכן,
און די לבנה ווען אַ וואָלקן רייסט אַראָפּ פון איר די קרוין,
וואָס טוען טרערן פאַרשטיקטע אין טיפעניש פון האַרץ,
וואָס טוט אַ בלאַט אין האַרבסט, ווען קיינער הערט ניט זיין געוויין.

פרעג: וואָס טראַכטן וואָלקנקראַצערס ווען זיי קראַכן פון די הייכן,
אפשר וועט אַ מאָלער ענטפערן מיט טויזנט רייצנדיקע פאַרבן.
נאָר אויב דו וועסט קיין ענטפער קריגן, גיי אַוועק צו דעם בית עולם,
און פרעג ביי די וואָס האָבן מוט געהאַט צו שטאַרבן.

מיין ליד דערציילט אַלץ:
פון מיין טאָג און מיין נאַכט, פון מיין ברויט און מיין זאַלץ.
פון מיין חלום און תּפילה, מיין וואָלקן, מיין רעגן, —
מיין ליבשאַפט, מיין האַרץ דאָס ליד כ׳טראָג אַנטקעגן.

מיין ליד כ׳טראָג אַנטקעגן די קוואַלן, תּהומען,
און אַלץ וואָס פאַרקריצט אויף מצבה מיין נאָמען,
נישטאָ קיין מחיצות, צעוואָרפן דעם צוים,
פאַרקנסט צו מיין ליד איז מיין שׂכל און טרוים.

דאָס ליד מיינס דערציילט אויף די נאַכטיקע סודות.
צום משפּט, צום דין, מיין איינציקער עדות.
ווער גאָט מיך אַ פרעג טאָן: ווּהין און פון וואַנעט,
וועל איך ווייזן די שורות: פון דאַנעט. פון דאַנעט.

וועט זאָגן אַ מלאך: סאיז שיין, ס׳איז חניק.
דער מענטש און דאָס ליד: ס׳איז איינציק. ס׳איז איינציק
מ׳דאַרף זיי אויך דאָ נישט טיילן, נישט שיידן,
לאָזט זיי אויך דאָ אַ ביסעלע ריידן.

לויבן. אַ דאַנק פאַר אַלץ וואָס זשומעט, קלינגט און ברענט,
אַ דאַנק פאַר דאַך און אייגענע פיר ווענט.
פאַר אָוונטיקע שטילקייטן, פאַר גערוישן פון פאַרנאַכטן,
פאַר געפינען זיך אין הענט פון חלום — אַ פאַרטראַכטן.

אַ דאַנק פאַר כוואַליעס אין דעם ים און פאַר אַלע ווינטן,
פאַרן גאָרטן — דורכן פענצטער כ׳זע אים אַ צעגרינטן,
פאַר די בלומען און די קוסטעס און אַלץ וואָס שמעקט אַרום,
כ׳שטיי אין תפילה איינגעהילט, מיט שווייגעניש איך שטום.

אַ דאַנק פאַר קוואַלן, ברינעמער, פאַר סטאַדע און פאַר מילך,
פאַר טאָלן און פאַר בערג, פאַר אָפּקלאַנגען, געהילך,
פאַר פרישקייט נאָך אַ רעגן, פאַר ליכטיקע קאַיאָרן,
און אַלץ וואָס בינדט צוזאַמען דעם סנאָפּ פון מיינע יאָרן.

אַ דאַנק פאַר דאָרשט און ליפּן, פאַר שיינקייט פון אַ פרוי,
פאַר פעלדער אויסגעוויקטע אין פייכקייט פון דעם טוי,
אַ דאַנק פאַר זאַמדן גאָלדענע, פאַר צעפּעלער פון קינדער,
פאַר רוישיקע געלעכטערס אָט דאָ אַרום אַצינדער,

דורך דיין פענצטער זעסט די גאַנצע וועלט:
אַ בלום אין גאָרטן, אַ פייגעלע אין פלי,
אַ רידל אין דער בייט, אַ שאָטן אויף דער וואַנט,
און אַ פרוי אין תפילה אויף די קני.

דורך דיין פענצטער זעסט די גאַנצע וועלט:
אַ בלאַט אין האַרבסט, אַ קאָלירטן רעגנבויגן,
אַ שטערן פאַלט, אַ טרער אויף אַ י ר ע באַקן
און אַ חלום וואָס איז אָקערשט נאָר פאַרפלויגן.

דורך דיין פענצטער זעסט די גאַנצע וועלט:
אַ יריד מיט טויזנט מענטשן, אַ לווייה מיט אַן ארון,
אַן אָרעמאַן ביים טיר, אַ קינד מיט אַ גאַלעכטער
און אַ שטייג מיט טייבעלעך פרייען זיך און פּאָרן.

איז זאַמל אויף מיין ברודער אין דיין צימער אַלע אוצרות,
זיי ליגן אויף דיין שוועל, ווי בלישטשענדיקע קרוינען,
דיין פענצטער איז דיר נענטער פון דער וועלט,
אין דיינע ד׳ אמות אַלע וועלטן וווינען.

מיינער אַ באַקאַנטער — (ווי פּראָזאַיש איז דער אָנהייב פון מיין ליד)
האָט געהאַלטן איינגעבונדן אין זיין טאָרבע אַ בינטל מיסט.
ליב האָט ער געהאַט די פעלדער און די ביימער, און האָט געוווסט:
אָן וואָרצלען און אָן בלומען, אָן זאַנגען און אָן פּירות איז די וועלט
נאָר תוהו־וויסט.

ווען אויף גאַסן מיין באַקאַנטער האָט געזען די טיפּשות און די רישעות,
האָט ער באַנוצט אַ ווונדערלעכע קלאָרע און משונהדיקע שיטה:
דאָס בינטל מיסט פון טאָרבע אַרויסגענומען, אַ שמעק געטאָן,
און די רישעות און די טיפּשות האָבן ניט געהאַט אויף אים קיין שליטה.

אויף דער וועלט האָפקען שדים, אין יעדער לאָך אַ שדל ליגט
און לאַכט,
אויף דעם טייוול מיין באַקאַנטער האָט געבראַכט צום לעצטן גבול:
ער האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם ריח פון זיין פעקל מיסט,
איז אַריין דער שטן אין זיין נאָרע, אָן דעם טייוול־כח, דול.

אַ בינטל מיסט פון אַ מענטש, וואָס האָט ליב די פעלדער און די ביימער,
מיט בטחון אין דעם ריח, מיט שמייכל און מיט ווונדער אַ צעגליטער,
מיט יום־טובדיקע קליידער, מיט אַ יום טובדיקן שמייכלדיקן פּנים
גייט מיין באַקאַנטער איבער גאַסן, ווי אַ גוטער שומר, ווי אַ היטער.

אָוונט צייט. מיט תרעומות כ׳בין געקומען צו מיין ליד:
דו גריזשעסט די צייט ווי אַ מויז.
און איך וויל אַרויס היינט אין גאָרטן מיט דיר,
מיט אַ צווייגעלע בעז, מיט אַ רויז.

אָוונט צייט. עס עטעמט דער גאָרטן מיט חסד און חן,
און דו מיט דיין צייט, — אין האַרצן פאַרקלעמט.
די ווערטער — סאָלדאַטן גרייט צו דעם פראָנט.
איך קוק אויף דער שקיעה געבויגן, פאַרשעמט.

אָוונט צייט. מיטן אַרבל די צייט ווישט אויס אירע טרערן,
די אויגן פאַרמאָגן אַ לויטערן בליק.
איז ווער דאַרף די כמאַרע, דעם האַרבסט און דעם רעגן,
די ווערטער, דו ברענגסט זיי פון ווייטן צוריק.

אָוונט צייט. מיט תרעומות בין איך געקומען צו מיין ליד:
געגנוג מיט באַריקאַדן אויף דער נישט־ברוקירטער גאַס.
שוין צייט מיין ליד ווי אַ שעפּסעלע זיין שטיל
און פירן זיך ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ דיכטער אַ בר־דעת.

צי קאָנפוציוס, צי טאַגאָרע, צי דער קראַנקער היינע, —
כ׳מאַך צו די טאָוול, און די ווערטער — ווייט פאַרפלויגן.
נאָר דערוויטערט זיך פון מיר אַ מאַן, אַ פרוי, אַ קינד,
גייען נאָך נאָך מיר ווי כמאַרעס, ווי חלומות — א ו י ג ן.

אויגן מיט פולע זשמעניעס חן, מיט פולע קאָרבן טרויער,
מיט שיינקייט קיין מאָל צו פאַרגעסן, מיט יאוש און בטחון.
ס׳גייט נאָך נאָך מיר אַ שפּראַך, מיט זון און מיט מוזיק,
ס׳וואַקסט אַריין דער יום טוב אין סאַמע טיף פון אינדערוואָכן.

צי קאָנפוציוס, צי טאַגאָרע, צי דער קראַנקער היינע, —
מיט גאווה כ׳טראָג די קרוין פון זייער חכמה, פון אַ סודותדיקער
וועלט,
נאָר אויגן זעען מער, אַלץ ליגט אָפן, ווי אַ ים, אַ טייך, אַ שטראָם,
אויגן זענען ניט קיין ספר, ווו דאָס וואָרט פאַרטייעט ליגט,
פאַרשטעלט.

אויגן גייען נאָך נאָך מיר, אויך ד י י נ ע אויגן אויף מיין שליאַר,
און זע איך זיי, שטראָמט אין מיר דיין לעבן אין מיין בלוט.
כ׳פאַרגעס די חכמה פון די ספרים, כ׳זע נאָר כישוף, גאָלד אין כאַאָס,
און פון דאָס נײַ די ליידנשאַפט, ווי קאָכעדיקער גלוט.

אַ ליד פאַרמאָגט נאָר איין העלד,
איך האָב אים געזען אַרומגיין אויף די שפּיץ־פינגער.
די גאַס געברויזט האָט און געטומלט,
און ער — אַ שטילער זינגער.

דער העלד פון ליד טאַפּט אָן די שטערן,
פאַרקוקט אין הימלען האַלב־פאַרשעמט.
געזען האָב איך די טריבע אויגן זיינע
און דאָס האַרץ — פאַרקלעמט.

דער העלד פון ליד פאַרמאָגט אַ זייגער,
נאָר די ווייזערס טראָגן אַ געיעג, —
ווי אַ יעגער לאָזט זיך אויף אַ חיה,
און אויף אַ בוים — אַ שאַרפע זעג.

דער העלד פון ליד, קען זיין נאָר איינער,
דער דיכטער ווערלכער וויל אַנטלויפן און אַנטרינען, —
לויפט ער מיט די ווייזערס צו זיין סוף,
אַ סוף, — ווו אַלע אָנהייבן זענען לאַנג אַראָפּ פון זינען.

ווען איך וואָלט געקענט אַ בינטל גראָז אָוועקלייגן אויפן קבר
פון מיין טאַטן, אַ סימן אַז איך בין דאָ געווען.
ווען איך וואָלט געקענט אַ בינטל גראָז אָוועקלייגן אויפן קבר
פון מיין מאַמען,
וואָלט איך געפרעגט: דערציילט מיר, וואָס איז דאָרט געשען.

דער זכרון פאַרמאָגט קליינע פיסעלער און גרויסע שיך.
איך ווייס: פון לאַנגן, לאַנגן וועג איז ער אומעטיק און מיד.
ער קען ניט נאָכגיין אַפילו די ווערטער, וועלכע וואַרפן זיך אַריין
מיט צער, מיט וויי, מיט גאַז און מיט פייער אין מיין ליד.

ווען איך וואָלט געקענט ברענגען צום קבר פון מיין מאַמען
אירע לייכטער
און דעם טאַטן די תפילות פון דעם אַלטן־אַלטן סידור.
וואָלט איך געזאָגט מיין זכרון אַזוי: פיר מיר צוריק צו מיין וויג,
איך וויל אָנהויבן פון דאָס ניי, איך וויל הערן מיין טאַטנס ניגון ווידער.

ווען איך וואָלט געקענט... אָבער אויף די וועגן האָב איך געזען
די וואָרצלען אויפגעריסן
און די פעלדער זענען פעט פון בלוט, אַ סימן אַז דער שטן איז
דאָרטן געווען.
קענען מיינען טאַטע־מאַמע ניט ריידן, אין זייער האַרץ ליגט
אַ צעריסענע שטומקייט,
קיינער קען ניט דערציילן דעם זון — וואָס דאָרט איז געשען.

דער זכרון, ווי אַ פויגל, פליט אַדורך דעם ים,
מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגל קומט ער אָן צו קבר אבות.
אין די אויגן זיינע, ווי אין אַ נעץ, צאַפּלט זיך דער טרויער
ס׳איז דער טרויער פון די אומעטיקע סאָוועס.

נישטאָ קיין קעניגלעכע זאַלן, נאָר שטיינער ווערלכע וואַרטן
אויף דעם קריצער פון די האַרבסטיקע מצבות.
נישטאָ קיין ספרים. נאָר עס מורמלען טויטע ביי די וואָרצלען
פון די ביימער, און כליפּען געלע בלעטער: ש מ ו ת.

דער זכרון האָט זיין ניגון און ער פאַרמאָגט זיין יחוסדיקן אומעט.
אַ מאָל קומט ער אָן אין מאַי, אַ מאָל אין חשוון, ווי אַן אָפּגעבראָכן צווייג.
אַ מאָל צעפלאַטערט ער די פליגל, און הייבט זיך אין די הייכן
ווי ווערטער פון אַ דיכטער,
אַ מאָל ברומט אַזוי זיין קול, ווי אַ חיה אין אַ שטייג.

איך בין אַ קרבן פון זכרון. ער איז מיין מזבח.
איך בין זיין עקדה. דער באַראַן איז אין פלאָנטער.
זינט אברהם האָט דעם באַראַן אָפּגעקוילעט, —
לאָזט מיך ניט דער חלף שלאָפן. מיט בלינדע אויגן זיין עוולה
מאָנט ער.

ווער וועט באַצאָלן פאַר דער טירחה פון לעבן,
ווער וועט באַצאָלן פאַר רגעס, פאַר שעהען,
פון חלום וואָס ליגט מיט צעבראָכענע פליגל,
פאַר הענט וועלכע ברענגען די ציגל צום בויען.

ווער וועט באַצאָלן פאַר דער טירחה פון לעבן,
דעם בויער, דעם פויער, דעם טרעגער, דעם קנעטער.
די אַלע וואָס זיצן און וואַרטן געדולדיק,
און הערן איין וואָרט נאָר: קום מאָרגן. קום שפּעטער.

ווער וועט באַצאָלן פאַר אַקסלען, פאַר פּלייצעס,
פאַר האַרץ און געפיל, פאַר שימחה און טרויער.
דער וואָלוועלער שנאַפּס שטייט אויף שמוציקע טישן,
אַ געשאַנק פון דעם לעבן פאַרן אָרעמען פויער.

ווער וועט באַצאָלן דעם אַרטיסט פאַר זיין שפּילן
מאַקבעט און ליר, עס קומט אים דער שכר,
אָטעלאָס געשריי רייסט אויף אַלע בינעס,
באַלויכטן די וועלט ווערט פון קנאה און צער.

עס שטימט ניט אין ערגעץ דער חשבון.
אַ שורה פֿאַרפֿעלט אין דעם טעקסט.
אַ טעות געמאַכט האָט דער זעצער
דער עיקר פֿון וואָרט איז פֿאַרמעקט.

ווער האָט פֿאַרוואָרפֿן די שורה,
אין חשבון אַ קריעה, אַ ריס.
ווער האָט פֿאַרעיפּושט די ווערטער,
דער לץ און דער טייוול, געוויס.

מיט האַק און מיט פּאַק קומען לצים,
מיט שווינדל צו מענטש און צו גאָט,
נאָר דער דיכטער מיט ליד קען פֿאַרהיטן
אין וואַלדישן פּלאָנטער דעם טראָט.

מחנותווייז קומען די שדים
צעהאַקן דעם חשבון מיט האַק.
שטימט ניט אין ערגעץ דער חשבון,
אין מישפּט — אַ טעות אין פּסק.

קרעציקע און בלינדע
און לאָמע.
ווער קען מעסטן, ווער קען וועגן
די נשמה.

די גרויסע מחנה אויף דער וועלט,
די בעלי מום.
ווער קען מעסטן, ווער קען וועגן
אייער וואָרט, ווען די וועלט איז טויב און שטום.

אַלע די אויף אָנשפּאַר־שטעקנס,
געריירטע פון דעם זינען.
ווער וועט אייער וויי און צער
אין זיך, אין זיך געפינען.

אַלע די פאַרקריפּלטע,
אין יסורים און צרות.
גאָט אַליין שעפּט עמערס טרערן
פון אייער טראָט אויף בלינדער גאַס.

צי דאַרף איך איבערצייגן, צי דאַרף איך נאָך באַווייזן,
אַז ניט סתם בעלמא,
צווישן דער ליטווישער בעריאָזקע, דער פּוילישע טאָפּאָליע,
דער אוקראַינישע ווערבע
דעם רומענישער עפּלבוים, האָב איך אַ בונד געשלאָסן מיט דער
ארץ ישראלדיקער פּאַלמע.

דאַרף איך נאָך באַווייזן, און וועמען דאַרף איך איבערצייגן,
אַז אַ דאַנק מיין פּאַלמע איז מיין לעבן ניט פאַרלאָשן,
אויב אַפילו פאַרשעמט מיין יידיש
און זי רעדט צו מיר תנכיש לשון.

דאַרף איך נאָך באַווייזן און וועמען דאַרף איך איבערצייגן
אַז בלאָ און גרין מאָלט די פּאַלמע פון דאָס ניי מיין האָריזאָנט.
אַז אַ דאַנק די וואָרצלען אירע וואָס גראָבן אין דער טיף,
האָב איך מיין שטאָם פון דאָס ניי דערקאָנט.

אויף דער פּאַלמע זינגט אַ נאַכטפויגל אַזוי:
אויב די בעריאָזקע און די ווערבע האָט אויסגעריסן אַ געוויטער,
און פאַרשניטן איז דער עפּלבוים און די פּוילישע טאָפּאָליע, —
זיצט דאָרט אויפן ירדן אַ שמע ישראל־היטער.

והארץ היתה תוהו ובוהו — ביז היינט,
קיינער וועט דעם כאָאָס ניט באַזיגן,
אפשר די דיכטער מיט די גראַמען און חלומות,
אפשר דער שמייכל פון די קינדער אין די וויגן.

ניט די טאָלסטאָיאַנער, ניטשעאַנער
ניט דער חכם, ניט דער מאמין, ניט דער כופר.
והארץ היתה תוהו ובוהו — ביז היינט,
אַזוי פאַרשריבן איז אין נצחדיקן ספר.

אַ שמייכל פון אַ קינד אין וויגן,
דעם כאָאָס פון דער וועלט באַדראָט.
ער וועט זיך אויפלייזן אין רוימען פון די וועלטן,
ווייל אַ שמייכל פון אַ קינד איז גאָט.

איך גלויב אין דעם, ס'איז דאָ אין דעם אַ זין,
אַ דיכטער און אַ שמייכל פון אַ קינד וועט דעם תוהו פון דעם בוהו
קענען שיידן.
אויב ניט — איז נעם צוריק דיין וועלט, מיין גאָט,
און לאָמיר שוויגן און נאָר דער שמייכל און די לידער זאָלן היידן.

די העלדן גליבן אין די שקרים.
נאָך לעגענדעס — זייער בענקעניש.
וואַקסן סטויגן ליגנס,
דער העלד איז אין געפענגעניש.

סאָלדאַטן זינגען לידער,
עס פריידט זיי וואָרט נאָך וואָרט,
עס גראַמען זיך די שורות, —
אַ ליגן אָפּגעשפּאָרט.

וואָס דאַרפן העלדן מערער,
צוויי גראַמען פון סאָלדאַטן,
פּאָר נצחדיקע ליגנס
פאַרקויפן זיי דעם טאַטן.

דער שטן שרייבט היסטאָריע,
פאַרקריצט ער אויף די בלעטער,
אַז די בלייבע העלדן
האָבן ליב די געטער.

פון אַלע פריידן,
האָב איך ליב דעם צער.
ער איז מיין בעסטער ספר
אַן אויסדערוויילטער עקזעמפּלאַר.

ער ברענגט אַזוי פיל חכמה.
ער ברענגט אַזוי פיל וווּנדער.
אַ דאַנק דעם צער
לעב איך מיט מיין לעבן שטיל, באַזונדער.

אַ דאַנק דעם צער
דער ווונדערלעכער לערער —
ווערט אַריסטאָטעל און שפּינאָזע
פאַרשטענדלעכער און קלערער.

אַ דאַנק דעם צער
(וואָס זאָל עס באַדייטן?
הויב איך אָן פאַרשטיין
די קברים פון די צייטן.

צי איז אַן אמת, טאַטע, אַז ערגעץ דאָרט
ליגט אַן אינדזל, וווּ פאַרפרוירן ליגט די צייט
און דער זייגער האָט קיין ווייזער
און דער רייטער רייט און רייט ?

צי איז אמת, טאַטע, אַז ערגעץ דאָרט
דעקן זונען צו די נאַכט
און דער חושך איז געשטאָרבן, —
האָב איך, טאַטע, אויסגעטראַכט ?

צי איז אמת, טאַטע, אַז ערגעץ דאָרט
איז דאָ אַ וועלט אָן אַ בית עולם
און אַ וועלט פון יידן
אָן דעם ח ס ד פון דעם צלם ?

צי איז אמת, טאַטע, אַז ערגעץ דאָרט
בלייבט אַ קינד — אַ ק י נ ד, פון אָנהייב ביזן סוף
און קיינער — ניט דער ערשטער, ניט דער לעצטער,
און דער אלף גלייך איז מיטן תּיו ?

פון אַלע יאָרצייטן בין איך אַנטלאָפן,
ווי מ׳אַנטלויפט פון פיינלעכן זכרון.
נאָר אויף די וועגן, ווי אַ גוטער רייטער,
זענען נאָכגעלאָפן אַלע מיינע יאָרן.

זיי האָבן מיך געהאַלטן ביי די פּאַלעס,
צו אַלע זאַמדן מיר וועלן דיך באַגלייטן.
אין דיינע שוואַרצאַפּלען מיר ציטערן ווי שקיעות,
ס׳טאָר אַ לעבעדיקער ניט אַנטלויפן פון אַ טויטן.

אַזוי איז אויפגעשריבן אויף שטיינערנע מצבות.
אַזוי דערציילט אַן אייניקל דעם זיידן.
זריחות יאָגן שטענדיק נאָך די שקיעות
באַלאַגערט זענען זיי און קענען זיך ניט שיידן.

פון אַלע יאָרצייטן בין איך אַנטלאָפן,
נאָר די טרערן מיט זאַלץ אויף מיינע ליפּן.
אין דיין לעבן אַלע שטיינערנע מצבות
אַרומגעבונדן אין דיין טאָג מיט טויזנט קניפּן.

די מאַמע האָט אַ צוואה מיר פאַרשריבן:
שטענדיק פול זאָלן זיין די לאָגלען.
צי אין דיין שטילער היים, צי אין די ווייטן,
אויב דו וועסט דיין לעבן לאָזן וואָגלען.

פול זאָל זיין דער בעכער, פול מיט וואַסער, ווייַן,
פול — און אַלץ, מיין זון, פון בעסטן סאָרט.
אויב דער גורל וועט דיר טייטלען שרייבן לידער,
פול זאָל זיין דיין ליד און פול זאָל זיין דיין וואָרט.

און ווו דו וועסט ניט קומען, דאגה פאַר די לאָגלען.
ליידיקע ברינעמער האָבן ניט קיין זין.
שטענדיק זאָלן פול זיין דיינע זריחות,
פולע עמערס טראָג אַנטקעגן דיין שחר, דיין באַגין.

מאַמע מיינע, כ׳פּרוּוו אויספילן דיין דערהייבענע צוואה.
נאָר פול זענען געוואָרן אין מיין האַרץ די וווּנדן, ריסן.
פול זענען די לאָגלען מיט רויטע־רויטע־שקיעות,
אין די ברינעמער, אָפּטמאָל דווקא כּמאָרעס גיסן זיך און גיסן.

אויפן בית־הקברות האָט דער קבצן מיך געבעטן:
האַלט אַ ווײַלע צו מײַן פּושקע — צדקה תציל ממות.
דער קבצן איז אַוועק און איך שטיי ביז הײַנט
און זע, ווי טויטע לצים טאַנצן אַרום מיר אַ קאַטאַוועס.

דער קבצן האָט פאַרגעסן. נישטאָ ווער ס'זאָל אים דערמאָנען.
מילא. אויך אַ קבצן איז אַ מענטש און ער מעג פאַרגעסן.
נאָר מײַן פּושקע איז שוין פול. דער שליסל איז בײַם קבצן.
און איך וואַרט שוין דאָ הונדערטער מעת־לעתן.

ווי לאַנג נאָך קאָן איך שטיין דאָ אין קאַראַהאָד פון טויטע לצים?
אויך די שטערן אויף די הימלען לאַכן אָפּ פון מיר אַוודאי.
ברענגט מיר טינט און פעדער און אַ בלעטל ווײַס פּאַפּיר,
איך וועל אָנשרײַבן אַ ליד, אין שירה רופט מען עס: באַלאַדע.

אַ באַלאַדע פון אַ מענטש, אויפן בית־הקברות מיט אַ צדקה־פּושקע אין האַנט,
אַזאַ מעשה פאַרלויפט זיך זעלטן, זעלטן.
ער שטייט און טראַכט: ווי זעט אויס אַ דיכטער אויף דער גרויער ערד,
מיט דער צדקה־פּושקע אין דער האַנט צווישן וועלטן.

דער רעזשיסאָר האָט געטעותט אין ספּעקטאַקל.
די אַקראָבאַטן האָבן ניט געשפּרונגען.
די לייטערס אין דעם צירק — אין וואַקל.
דער כאָר האָט ניט געזונגען.

די ווענט האָבן פֿאַרשלונגען אַלע טענער.
פֿון די שטייגן — אַנטלאָפֿן אַלע חיות.
דער היכל — ווי געבויט פֿון שפּענער.
דער רעזשיסאָר אין קראַמפּן און העוויות.

די פּוסטקייט אין חלל פּאַרקוקט,
די בינע מיט לאָמפּן פֿאַרשטעלט.
די שפּילער אין חורבה פֿאַררוקט.
ס׳האָט אָטעם דער בינע פֿאַרפֿעלט.

דער רעזשיסאָר האָט געטעותט און ספּעקטאַקל.
דער טעות — קליין ווי אַ האָר.
אויף הפקרס באַראָט דער סך הכל.
קלענער דער דמיון פֿון וואָר.

מאַטראַסן, ווי פאַרוואונדעטע חיות שווייגן זייער אומעט אויס
אויף שיפן וואָס שניידן זיך צו אומבאַקאַנטע הימלען.
אין האַרצן אַלע כוואַליעס פון דעם ים אין ברויז
און בענקענישן אין טיפקייטן טוקן זיך און דרימלען.

אַ חלום פון אַ פרוי דאָרט ערגעץ ווייט לויפט מיט אימפעט און גאַלאָפּ
און אַ קינד — זיין שמייכל אין דעם צוויבער־חלום ווי געפאַנגען.
די קלאַנגען פון אַ מאַנדאָלינע קייקלען זיך אַראָפּ
דאָרט ווו די בענקענישן רייסן זיך צו כוואַליעדיקע קלאַנגען.

מאַטראַסן וויינען שטילערהייט, נאָר קיינמאָל זעט מען ניט די טרערן.
דער ים האָט אַלע טרערן אויסגעזויגן.
ביי מענטש און גאָט איך קען הײנט שווערן:
טרערן מיידן אויס מאַטראַסן־אויגן.

נאָר איין מאָל האָב איך דערזען אַ טרער אין אויג פון אַ מאַטראָס,
דערזען האָט ער אין חלום אַ צערטל און אַ גלעט,
און אין אַ צאַרטער האַנט — וויין אין פולן כוס,
געוועזן איז עס זיין פרוי אין אַ פרעמדער בעט.

ווער קען עפּענען די טירן פֿון מיסטעריע.
ווער קען לעשן פֿלאַם און לאַווע.
ווען די שקיעה קוקט דיר אין די אויגן
און דער סוד פֿאַרבעט דיר באהבה.

ווער האַלט דעם שליסל פֿון מיסטעריע.
אפשר אויפֿן עץ הדעת דער עפּל.
אָדער אפשר אין דעם טרויער פֿון פּרימאָרגן,
דער פּרימאָרגנדיקער נעפּל.

ווער שפּילט אויף סטרונעס פֿון מיסטעריע.
וועלכער מייסטער בויט די בריקן.
אפשר זוכן אויף די הימלען אַלע וואָלקנס
זייער ניגון, זייער תיקון.

ווער בויט די פּערזן ווי מיסטעריע.
אויף אַן אָסיענדיקן שליאַר.
אַ פֿויגל אויף די דעכער וויינט,
מיטן פֿויגל וויינט דער דאַך.

ווער געדענקט לייב ניידוסן ? ווער געדענקט יענע ליריק
וואָס נעמט אַרום אַלע ליידנשאַפטן פון דער וועלט.
ווער געדענקט מיכה יוסף לעווענזאָן ?
נידעריק דער וואָלקנקראַצער קעגן זיין געצעלט.

צייטן בייטן זיך. קאַרליקעס פאַרשטעלן זיך פאַר ריזן.
פון לשון בויען זיי אַ טראָן.
נאָר ליידיק, פוסט די וועלט פון יענע ריזן
וועלכע דאַרפן זיין אין קאַרליק־פאַנטעאָן.

איך זע זיי אין די ביכער, אין גאַזעטן,
איך זע זיי אין דער נידער, אין די הייכן,
נאָר פאַר מיר זיי בלייבן אַ געלעכטער,
נישט קיין אויסגעשריי, נאָר אַ ספקדיקער פראַגע צייכן.

ווער געדענקט מיכ'לן, לייב ניידוסן,
ווער געדענקט די וואָרצלען פון דער ליריק.
דער שורוק רייסט זיך צו די הייכן,
נאָר ער איז ווינציקער ווי דער קלענסטער כיריק.

דער ספק, אַ באַגלייטער נאָך פון קינדער יאָרן.
אַ פּראַגעצייכן. אפשר יע און אפשר ניט.
אַריין איז ער אין אַלקער פון מיין לעבן,
מיט שטילע אכזריותדיקע טריט.

אפשר יע און אפשר ניין. אַ פּראַגעצייכן.
ניט געאיילט זיך. דער ספק — אַ מאווימדיקער קריכער.
אָנגעקומען מיט זיין רייטוואָגן צו מיר,
אַריינגעסודעט: פּאַמעלעך. זיי ניט זיכער.

אין יונגע און אין בגרותדיקע יאָרן,
אין שבתדיקע טעג און אין דער וואָכן.
אין סאַלאָן-פון-לעבן מיט גאווה און הכנעה,
אין אַלע ווינקעלער אַריינגעקראָכן.

ספק, ספק, באַגלייטער אין מיין שטילן אומרו,
מיין מיטגייער מיט יחיד און מיט כלל,
ווען אויף מיין שוועל פון לעבן שטייט דער האַרבסט.
עפן איך די בלעטער פון קאָצקער און פּאַסקאַל.

האָט דער פערד זיך איינגעשפּאַרט: איך גיי ניט מער אויף קיין מלחמות.

אויב איר דאַרפט די קעמפער, — שיקט אַרויס די טויבן.
זיי האָבן אויף דער וועלט דערוואָרבן זיך אַ נאָמען —
פּיקאַסאָ האָט דעם פערד קיין מאָל ניט דערהייבן.

איך גיי ניט מער. אויף די שלאַכטפעלדער ליגן טויטע פערד,
אין הונדערטער, אין טויזנטער, מיליאָנען.
אויב איר דאַרפט די קעמפער, שיקט אַרויס די טויבן.
ס'קומען צייטן — רעכט פאַר שלום קומען פערד היינט מאָנען.

איך גיי ניט מער. איך, דער פערד, זאָג אָפן, קלאָר און דייטלעך.
מעגט איר בייטשן מיך און זיין גאָר אומצופרידן.
אויב איר דאַרפט די קעמפער, שיקט אַרויס די טויבן,
צופרידענע זיי פליען איבער אַלע וועלט־ירידן.

איך גיי ניט מער. מיין פלייש און פעל איז טייער מיר, גאָר טייער.
איך בין אויך אַ טויב און וויל פון קוילן זיין דערווייטערט.
איך האָב קיין לידער ניט געשריבן. קיין דיכטער קיין מאָל ניט געוועזן.
נאָר אויך מיין פערדיש לעבן וויל ריין זיין און געלייטערט.

אַלטע מייסטערס. האָמער, אייסכילעס, סאָפאָקלעס.
אויף קאָסמישע מאַפּעס — גאַרבן ליכט.
אַלטע מייסטערס. טיפע ברינעמער טראָגן אין די עמערס,
אייער צויבערדיק געזיכט.

גרויסע צויבערער, — פאַרטיפט אין אונדזוער אויג
אין אייער וועלט וואָס קאָכט און זידט.
הינטער אַלע גלאָקן־קלאַנגען פון האָפענונג, פאַרצווייפלונג
שטייט איר אין דער מיט.

די קאַרליקלעך — גימנאַסטיק מאַכן זיי אויף אייער רוקן.
צו אייערע הימלען מיט שטערן־שטריק פאַרבונדן.
אין פלאַמען שטייען אַלע וועלדער,
דעם פלאַקער האָבן אייערע אותיות אָנגעצונדן.

אַלטע מייסטערס. אַ מאַגיש קראַפט אין ווערטער אָנגעגאָסן.
אין אייערע שלייערן ווילן וועלטן זיך פאַרהילן.
דורך אייערע פינגער לויפן שטורעמס,
זייער אומרו — נאָר די געטער קענען שטילן.

איינער איז געגאַנגען איבער וואַסערן ברענגען גאולה פאַר מענטשן.
די ברידער זיינע, מיט קלויסטער גלאָקן, זענען געוואָרן מערדער.
דיכטער גייען איבער ימען און פלאַמען, ווילן ברענגען גאולה
פאַר מענטשן,
נאָר אָפט הער איך אַ רוצחיש קול אין זייערע אויסגעגראַמטע
ווערטער.

די נאַכט — שוואַרצאַפּל פון וועלט, זעט ווי אַלע חלומות
ווערן דערטרונקען אין ברינעמער און פאַלן אַריין אין טיפע תהומות.
די נאַכט אָטעמט איין די שוואַרצע פליגל פון וואָראָנעס, זייער
קראַקעניש אין הייכן,
און שליסט אַ בונד מיט אַלע פּחדים, מיט אַלע אומגליקן און אימה׳ס.

ער וואָס גייט איבער וואַסערן, האָט זיך פאַרברידערט מיט נאַכט
און מיט פייער,
אָנגעקומען צו אָרעמע הייזער, און האָט חורבן אויף לעבנס
געבראַכט.
דער טאָג האָט געכליפּעט מיט הייסע, מיט זודיקע טרערן,
ווי אַ לץ אויף דער בינע האָט אַ קינזשאַל אויסגעלאַסן געלאַכט.

פאַרוואָס האָבן די וואַסערן ניט דערטרונקען דעם גייער, כדי
אויסמיידן
בלוט פון תלמידים, וואָס טראָגן אין משוגענער ליבשאַפט דעם
מעסער.
קענען קען איך אויך דיכטער, וואָס זינגען פון שטורעם און פרייהייט,
און גרייטן פאַר אָרעמע ברידער אייזערנע גראַטעס און שלעסער.

בלויע אויגן, בלאָנדע האָר
און די וועלט אין שוואַרצע פלאַמען.
געברענט דער טאָגבוך יאָר נאָך יאָר,
דורכן קוימען קוקט די מאַמע.

בלויע אויגן אין פרימאָרגן,
אין פאַרנאַכט — אַ שוואַרצע חיה:
ליגט אַ קינד פאַרבלאַסט, דערוואָרגן,
ס'איז אַ צייט אַ פרייע, נייע.

בלאָנדע האָר — און דער סך הכל:
קינדער, מאַמעס, אַלץ פאַרשוווּנדן:
ברענט שטורקאַץ און פלאַקערט פאַקל
און די באָד מיט גאַז געצונדן.

בלויע אויגן, בלאָנדע האָר,
ווײ מיר, ווײ מיר, ס'איז געשען.
כאַרכל־קולות אין דעם כאָר,
האַלאַוועשקעס אין דעם ברען.

קום. לעם דער אָזערע דאָרט איך וועל דיר דערציילן אַ מעשה.
אַ מעשה פון אַ לבנה נאַכט, וואָס האָט געקליבן שטערן און ווערטער.
אויף דער גאַנצער וועלט האָב איך אַזאַ אָזערע ניט געזען.
דער שענסטער אָרט אויף דער וועלט פון אַלע ערטער.

אַ מעשה פון אַ לבנה נאַכט מיט כישופדיקן חן באַזוימט.
די שטערן און די ווערטער האָט זי געהאַלטן אין איר גאָלדענער פּאָלע.
די דעמבענע ביימער לעם דער אָזערע האָבן פאַרמאַגט אַ באַזונדערן בליאַסק
און געשמעקט האָט דער גאַנצער אַרום מיט בשׂמים און מיט סמאָלע.

אַ מעשה מיט אַ לבנה נאַכט מיט ריחות פון ווינטן און פרויען.
שטיל איז געשטאַנען דער וואַלד און די אָזערע שלווהדיק, רויק.
ווען דער קאַיאַר איז געקומען פאַרנעמען זיין אָרט אויף דער וועלט,
האָט זיך אַ פויגל צעזונגען, נאָר די נאַכט אַזוי אומעטיק, טרויעריק.

אַ מעשה פון אַ לבנה נאַכט, וואָס איז פאַרשוווּנדן ווייל קאַיאַר איז געקומען
און פאַרנומען דעם פּלאַץ, — ווייל אַזאַ איז דער סדר פון שפּיל.
שטום איז געלעגן די אָזערע, דער טוי האָט די ביימער פאַרדעקט
און איך האָב אין בלויען פאַרטאָג געוויינט אַזוי עלנט און שטיל.

ניִשטאָ קיין צייט צו זען דאָס לעבן,
אַ קלאַפּ טאָן אין זיין אַקסל ווי אַ גוטער פריינד,
אויסגעלאָשן זיך אויף הימלען אַלע שטערן
און שוין ניִשטאָ קיין היינט.

ניִשטאָ קיין צייט צו טראַכטן וועגן לעבן,
אָנשרייבן אויף ווייס פּאַפּיר אַ ליד,
מיטן האַמער אויסשמידן דאָס אייזן,
ווען אַ ווונק נאָך ברענט און גליט.

ניִשטאָ קיין צייט אַרומנעמען דעם וואַלד
און יעדן וואָרצל שענקען דיינס אַ בליק.
אויפן הימל אויסגעלאָשן אַלע שטערן,
אַ קול אין וואַלד רופט דיר שוין צוריק.

ניִשטאָ קיין צייט באַגלייטן אַלע מתים,
צו די גוטע, לעגענדאַרישע אין־סופן;
אַ קלאַפּ טאָן זיי אין אַקסל ווי גוטע פריינד
וועלכע האָבן אָקערשט ביי קוואַלן דיך געטראָפן.

שטאַרבט אַפֿ אַ דיכטער, גייט אים נאָך זיין ליד —
זיין כוואַליע, אין זיין ברויזנדיקן ים.
דער באַרג און טאָל, דער בוים און בלויער טייך,
און אַלץ וואָס געצונדן האָט זיין פלאַם.

שטאַרבט אַ דיכטער, גייט אים נאָך דער פלאַטער פון אַ פויגל
דער ציטער פון אַ האַרץ, דער פאָדעם פון געוועב,
דער ברונעם און תהום, די אויגן פון אַ פרוי
און אַלץ וואָס האָט מיט וואָרט געלעבט.

שטאַרבט אַ דיכטער גייט אים נאָך אַ געלעכטער פון אַ קינד,
די שלווה פון פאַרנאַכט, אַ פייערל וואָס צינדט,
דער טרוים פון דער לבנה, דער קרעכץ פון מידן וויי
און דער גראָז פון גאָרטן וואָס וויינט מיט טוי און גרינט.

שטאַרבט אַ דיכטער, גייט פאַראויס אַ רווישיקע לווייה,
קיינער איז ניטאָ, מ׳הערט נאָר שטילע טענער,
ליכט באַדעקט דעם ארון און גלעט דעם טויטן פנים,
ווערט דער גראָם און ריטעם ליכטיקער און שענער.

פון וואַנעט דער שכל ביי וואָרצלען
זיך גראָבן אין טיפן ?
פון וואַנעט דער אומרו פון ימען
זיך וואַרפן אויף שיפן ?

פון וואַנעט פאַרמעסטן פון צווייגן
זיך רייסן אין הייכן ?
און ווער גיט די פייגל אין הימלען
צו נעסטן אַ סימן, אַ צייכן ?

פאַרוואָס וויינט דער רידלביים קברן
אויפן פאַרנאַכטיקן גרויען בית עולם ?
פאַרוואָס כליפּעט דער מהר״ל
ווען ער בויט מיט עקשנות דעם גולם ?

פון וואַנעט די חכמה פון אויג
ווען ס׳רינען די טרערן ?
פון וואַנעט דער מקור פון תפילות
ביים שיין פון די שטערן ?

נישטאָ קיין יאושדיקע שורות אין מיין ליד.
נאָר אַ ביסל אומעט. אַ ביסל טרויער. אַ ביסל האַרבסט מיט
בלעטער־פאַל.
ווייל אָן דעם, האָבן מיך געלערנט גרויסע לערער,
איז נישטאָ קיין שירה, — נאָר פונאַנדערפאַל.

נישטאָ קיין יאושדיקע שורות אין מיין ליד.
נאָר אַ ביסל שטימונג, אַ ביסל מעטאַפיזיק. אַ ביסל אומרו, אַ מאָל
נאָך עפּעס מער,
ווייל אָן דעם, האָבן גרויסע לערער מיך געלערנט,
ווייס דער דיכטער ניט, וואָס טוט אַ האַרץ ווען ס׳פינטלט דאָרט
אַ טרער.

נישטאָ קיין יאושדיקע שורות אין מיין ליד.
נאָר אַ מאָל אָט סתם אַ בלאַסער פּנים פון אַ גוסס, פון אַ מת.
ווייל אָן דעם, האָבן גרויסע לערער מיך געלערנט,
לעשט זיך אויס דאָס פייער פון זיין און ווערן אין פּראָצעס.

נישטאָ קיין יאושדיקע שורות אין מיין ליד.
צו דער מדרגה וועל איך קיין מאָל ניט דערגרייכן.
גרויסע לערער האָבן מיך דעם סוד געלערנט:
אָן אַ ביסל יאוש צעפאַלן זיך די וואונדערלעכע הייכן.

דער האַרבסט איז אָנגעקומען און געבראַכט די געלע בלעטער.
די ווינטן און די כמאַרעס אויפן פעלד.
אַ מאָל דוכט זיך מיר אַז אויף די לאָנקעס גייען געטער
און האָבן זיך אין געשטאַלט פון האַרבסט פאַרשטעלט.

דער האַרבסט איז אָנגעקומען און ווינטן זשומען אין די אויערן.
אויך אַ שטערן פאַלט אַראָפּ פון הייכן אויף די בערג.
שטורעמס קלאַפּן אָן אין אַלע טויערן
און אַ טרער אין האַרבסט פאַלט אַראָפּ אויף דנאָען אומבאַמערקט.

פאַר וואָס צאַפּלט זיך אין האַרבסט דער חלום ווי אַ שטומער גוסס ?
פאַר וואָס וויינען אַלע טראָפּנס אין די גראָזן ?
אין די לידער ווי אויף עקדה לייגן זיך די אותיות
און מיט צער אין וועג זיך לאָזן.

דער האַרבסט איז אָנגעקומען, אַ רעגן־נאַכט האָט מיך אין שטוב פאַרשלאָסן.
געבליבן בין איך אין מיין חורבה ווי אַן אַרעסטאַנט.
אין די געלע בלעטער ליגן די פאַרדראָסן
פון אַלע שאָטנס וואָס קריכן אויפן וואַנט.

מיט טעג פון ליכט און שאָטן
ליגן סטעזשקעס אויסגעשפּרייט.
מיט ליד באַוואַקסן און באַשאָטן
מיט אימה פאַרן לעבן, טויט.

מיט טעג פון שפלות און פון כבוד
מיט בלויזן קאָפּ און אַן עטרה:
דאָס ביסל לעבן אויסגעכאָוועט
מיט צוויי אויגן גוטע, קלאָרע.

געהאַלטן אָפּן טיר און לאָדן.
האָרץ אין שכל גוט פאַרפּרעסט.
קעמלען־טעג מיט פּרוכט באַלאָדן,
גרודעס ערד מיט וואָרצל פעסט.

אַ מאָל לעם שפּיגל אין פּראָפּיל,
געזען איך האָב — אַ ווייסע הויט:
אויף אַ גיטאַרע שפּילט געפּיל
און בעטלט ווי אַ בעטלער: ברויט.

אַלע אָנהייבן האָט מיין ליד געגייט,
געשטעפּט אַ פאָדעם צו אַ פאָדעם.
נאָר די סופן קיין מאָל ניט דערנייט
אַ קאַליקער פאַרבליבן, אַ בן אדם.

די אָנהייבן האָבן אָנגעהויבן שטיל,
(אין ליד, די ערשטע שורה ציטערט).
די צווייטע שורה האָט מיין שכל און געפיל
אות נאָך אות פאַרביטערט.

איז מיין ליד מיט אָנהייבן צעפינקלט,
די צווייטע שורה טראָגט רעש און קלאַנגען.
איז מיין ליד פאַרבליבן אין אַ ווינקל,
צו די סופן קיין מאָל ניט דערגאַנגען.

נאָר דער קריטיקער האָט געזוכט די סופן
האָט ער מיין וואָרט פאַרהוויקערט און צעבראָכן,
ניט פאַרשטאַנען, אַז אין די אָנהייבן די סטראָפן
טראָגן מיט הכנעה די פריידן און די יאָכן.

דער עץ־הדעת באַלאָדן
מיט שווערע פּרוכטן, פּירות.
אויף די געלע בלעטער
וואַקסן, אימהס, מוראס.

אַפּילו ביי מלאכים
טרערן אין די אויגן.
פאַרלאָרן איז געגאַנגען
דער בלויער רעגנבויגן.

געהערט האָב איך אין דרויסן,
מ׳דערציילט אין שפּאַס,
דעם בלויען רעגנבויגן
פאַרכאַפּט דער עץ־הדעת.

און איך דאָס קליינע מענטשל,
אַ קליינער פּאַציענט,
אַ דאַנק דעם עץ־הדעת
וועל איך ווערן גוט פאַרברענט.

אַ וועלט מיט ליכט. מיט וואַלד און זון.
אַ וועלט ווי אַ שטערן ווערט קיינמאָל פאַרלאָשן.
פאַרזייט מיט בענקשאַפטן, מיט כישוף,
מיט באָדן און מיט קערנער און מיט לשון.

איך בין אַריין ווי אַ זיגער, אַ באַפרייטער.
קריק געקומען צו מיין מאַמעס טראָן,
צו דעם צויבער פון איר וואָרט, און צו איר שמייכל,
צו די קלאַווישן פון אַ הימלדיקן טאָן.

אַ וועלט מיט ליכט. מיט זון איז פול דער היכל
מיט ליבשאַפט און מיט חן און מיט באַגערן.
מיט שמחה האָב איך אויפגעקליבן און געזאַמלט
מיין מאַמעס פערלדיקע טרערן.

איך שטיי אין מיטן וועג, איך הער אַרום סימפאָניעס
דער שפיגל ווייזט — אַ שמייכלדיק געזיכט.
איז לאָמיר דערציילן מיין געליבטער אויף דעם אמת
אַז געווען בין איך אין קיניגרייך פון ליכט.

אַלץ אין דער וועלט האָט אַ פּנים,
אפילו אַ דיכטער מיט זיין לאַמטערן.
אַלץ אין דער וועלט פאַרמאָגט הימל,
ניט יעדערער דערקענט דאָ זיין שטערן.

אַלץ אין דער וועלט האָט אַ חשבון,
אפילו אַ וואָרט אין אַ שיר.
אַלץ אין דער וועלט האָט אַ שאָטן,
אַ באַגלייטער פון יעדן פּאַסאַזשיר.

אַלץ אויף דער וועלט אין געיעג,
די חיות, די יאָרן זיי לויפן.
נאָר רויק אויף וואַך שטייט דער נצח,
די פעסער ער האַלט אין די רייפן.

אַלץ אין דער וועלט האָט אַ טעות,
אַלץ ווערט געמאַכט מיט אַ פּגם.
אפילו דאָס ליד פון בראשית
וואָס פאַרמאָגט ניט קיין טאַקט און קיין גראַם.

דאָרטן ווו דער צער,
און אפשר גאָר די פרייד,
פאַרשריבן שטייט אַ וואָרט:
געשיידט.

דאָרטן ווו דער שווייגן,
און אפשר גאָר די רייד,
אַ דיכטער האָט פאַרקריצט:
געשיידט.

דער בין השמשות טונקלט,
איך שטיי פאַרטראַכטערהייט.
פאַרשטיין איך וויל דאָס וואָרט:
געשיידט.

האָב איך לידער דאָרט פאַרזייט,
האָב איך אותיות אויפגעקליבן.
ווער זאָגט געשיידט? —
פאַרבליבן.

אויב אַפילו ניט זינגענדיק, ניט טאַנצנדיק
לאָמיר טוליען זיך צו פּרצן, צו זיין גאָלדענער קייט,
צו ר׳ שלמה׳ן וועלכער וויל קיין הבדלה ניט מאַכן
און צום אייביקן שבת איז ער גרייט.

אין פריידן און אין צער, אין ביטערניש, אין שמייכל.
אין ספק, אין אפשר און אין טאַמער,
פריידיק די באַגעגעניש מיט דיינע העלדן, פּרץ
צי אַ שווייגער. צי אַ שטומער. צי אַ לאַמער.

דער שטומער רעדט און זיין וואָרט ווי פייער שמעלצט
אַ שטיק אַייזן אין דער קוזשניע פון אַ שמיד.
דער שווייגער דערציילט מיט לשון פון אַ כוואַליע
ווי שיין זענען די אותיות אין אַ יידיש ליד.

אויב אפילו ניט זינגענדיק, ניט טאַנצנדיק
דורך שחיטות און פּאָגראָמען און דורך גרוילן,
קומט דער בטלן און דער בדחן אין מיין חלום,
און דערציילט פון אַ ל ע ב ן דאָרט אין פּוילן.

וואָס וועט פאַרבלייבן ? וואָס וועט פאַרבלייבן ?
ענטפערן מוז איך פריער צי שפּעטער.
עס וועלן פאַרבלייבן אותיות און ווערטער,
עס וועלן פאַרבלייבן צעזונגענע בלעטער.

ווער וועט זיי לייענען ? ווער וועט זיי לייענען ?
ווער וועט דערקענען דעם זייער, דעם קנעטער ?
ווי שטראָמען, ווי ימען קומען די שאלות,
ענטפערן מוז איך פריער צי שפּעטער.

פון דיין גרויסן געוועב, פון דיין שפּינדל און פאָדעם,
פון די פונקען וואָס האָבן צעזשאַרעט דעם פייער,
וואָס וועט פאַרבלייבן ? וואָס וועט פאַרבלייבן ?
ווער וועט היטן דיין אות וואָס איז הייליק און טייער.

עס וועט היטן דער מאמין, דער קעמפער, דער שומר
אויף מזרח און מעריב, אויף דרום און צפון.
ער וועט היטן פון אומקום, פון חנק און יאוש
די ווערטער. די גראמען. דעם טאָקט אין די סטראָפן.

אַ ייד האָט מיר היינט אַ טובה געטאָן:
ער האָט מיר געענטפערט אויף מיין גוט מאָרגן.
געוואָלט האָב איך ביים גוטן ייד,
אַ ביסל עולם הבא באָרגן.

עולם הבא איז אַ רעאַלער חלום.
בלוי איז זיין רגע. בלוי איז זיין שעה.
אין אַ זאַטער וואַרעמער וועלט
איז עולם הבא אַ נפטר. נישטאָ.

צו עלנטע מענטשן פאַרגליטשט זיך אַ ניגון.
אַ ניגון פון בוידעם. פון אָרעמע דעכער.
עולם הבא קומט אָן מיט פרייד און מיט זמר
און פול איז דאָס האַרץ. און פול איז דער בעכער.

עולם הבא פאַרמאָגט פריילעכע אויגן.
גבורה. הנאה און כולו עשירות.
דער עלנטער מענטש קושט אויס די אַקאָרדן
פון הימלען וואָס ברויזן מיט ליכטיקע זמירות.

אַ שפּעטהאַרבסטיקע נאַכט. די פליגל פון מיל זענען מיד.
דער שליאַך — אַן אביון אָן אַ העמד.
אַן אויסגעוואַשענער פון רעגן
שטיי איך לעם מיין היים, ווי אין דער פרעמד.

דער האַרבסט האָט זיינע סימנים. אַ צווייג
שטייט מיד פון רעגן.
אַזוי ווי אַ מענטש ווען ער פאַרמאַכט דעם ספר איוב
קען קיין טרייסט ניט געפינען אין שאלות. אין פרעגן.

דער האַרבסט האָט זיינע סימנים. ער פאַרמאָגט
פולע הויפנס שרעק און פולע הויפנס זאָרג.
אַזוי זעט אויס אַ לעבן, וואָס בעטלט ביי דער וועלט אַ ניגון
און לעבט אויף גראַשענדיקן באָרג.

דער האַרבסט פאַרמאָגט אַ נאַכט־שעה מיט אַ צוגעמאַכטן לאָדן.
כ׳קען איר אומעט ניט פאַרטראָגן.
כ׳עפן אויף אַ שורה פון אַ ליד,
אפשר געזעגנט זיך די נאַכט און ס׳הייבט שוין אָן צו טאָגן.

— היינט, צי מאָרגן,
צי אין ווייטן־ווייטן שפּעטער
וועלן יידישע ספרים אָנקלאַפּן אין טיר:
קיינער האָט אונדז ניט געבלעטערט.

מיר ליגן אויף אַ בוידעם שטיבל,
נישט ווייט פון לייוויקס גולם.
פוסט אַרום. נישט געקומען היינט צום מנין
אַ יידישער עולם.

נישט געקומען אויף דער קדיש זאָגער,
צווישן שמות ניט געוואָלט פאַרבלייבן,
פּלוצלינג — מיין טאַטנס סידור רעדט צו מיר:
מיין זון, דו דאַרפסט פאַרשרייבן.

האָב איך פאַרשריבן דאָ דעם פחד:
היינט צי מאָרגן, צי אין ווייטן שפּעטער
וועלן יידישע ספרים אָנקלאַפּן אין טיר:
קיינער האָט אונדז ניט געבלעטערט.

אין ערשטן גלגול מיין וואָרט כ׳האָב גענערט,
מיט ווייב און קינד, מיט זון און ברוזדעס ערד,
מיט ברויט און זאַלץ, מיט שיינקייטן, חלומות,
מוזיק פון שטערן און הימלען געזען און אויך געהערט.

אין ערשטן גלגול אַראָפּגעלאָזט דעם עמער אין דעם ברונעם ביזן דנאָ,
אַריינגעשריגן אין די טיפן: איך עקסיסטיר. כ׳בין דאָרט און דאָ,
אויף אַלע וועגן כ׳פּיר מיין אומרו, מיין געביין,
פאַרזיווּוגט אויף די שליאַכן: מיין פרייד און מיין געוויין.

אין צווייטן גלגול: די ווייזערס אויפן זייגער זוכן אָפּ די שעהען
פון אַלע מיינע ניינען און אַלע מיינע יאָען,
אין פאַרנאַכטן בייטן זיך די שאָטנס, און עס בייטן זיך די בליקן,
די ווייזערס אויפן זייגער זוכן שוין אַ תיקון.

די צווייגן אויף די ביימער שמעקן מיט פאַרדאַכט,
זיי בייגן שוין די קעפּ צו פאַלדן פון דער נאַכט.
נאָר די מחשבה עקבערט אין די טיפן, דו ווערסט אַ פילאָזאָף,
און ווילסט דערציילן אַ לעגענדע פון אָנהויב ביזן סוף.

ביכער פון זעלבן מחבר

אומרו־לידער
שוועלן־לידער
ווײ און גלויבן־לידער
שירי העצב והאור (תרגם א. גרינשפאן)
אַ מזמור דעם טאָג — מזמור ליום — שירים (תרגם מ. אמיתי)
יידישע ווערטער־לידער
מסות בשבילי ספרות יידיש, צווײ בענדער (קעסעל־פרײז).
השיר והמשורר — מסה (א. סוצקבר).
מײנע ווײסע טויבן — לידער.
מסות על ספרות יידיש (תרגום אנגלי)
ח. נ. ביאליק וײדיש (גניה לוי פרײז)
71 לידער (דוד פינסקי פרײז)
ביים קוואַל פון קאָצק — פּאָעמע — (יהואש־פרײז)
אחר — פּאָעמע — (יהואש־פרײז)
איציק מאַנגער, פרקי מסה
אלוהים, יהודי, שטן ביצירת יצחק בשביס־זינגר
הדרמאטורגיה החזיונית של ה. לייוויק